# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 20 • מאנטאג, י"ח טבת תשפ"ז • 28סטן דעצעמבער 2026 • די וואך פון פרשת שמות

לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם

קהלת ג, א



### אין דעם נומער

**דער דמיון אין צייט**
וואס איז צייט בעצם?

**ווען צייט לויפט שטייטער**
רעלאטיוויטי אויף אידיש

**דער בליענדער עלטער**
דאס לעבן אין צענדליגער יארן

**אין וועלכער עפאכע?**
א שמועס פון דער וואך

**די 164 יאר**
זמן חורבן בתי מקדשים

**א בריוו צום זייגערל**
און דאס זייגערל ענטפערט

# ארכיוו

נומער 20 • מאנטאג, י"ח טבת תשפ"ז
28סטן דעצעמבער 2026 • די וואך פון פרשת שמות

הקדמה

# צייט: א נומער וועגן זייגערס, יארן און תקופות

„לכל זמן ועת לכל חפץ" – דער נומער איז געווידמעט דער צייט: דעם זייגער אויף דער וואנט, דעם לוח, די יארן פון א מענטשנס לעבן און די תקופות פון דער היסטאריע. אין דער וואך וואס די וועלט ציילט אראפ די לעצטע טעג פונעם יאר, האבן מיר געזוכט אין די ארכיוון וואס מען האט געשריבן וועגן צייט.

אינעם הויפט־ארטיקל פרעגט „לולקע־ציבער" א פשוטע קשיא וואס האט נישט קיין פשוטן תירוץ: וואס איז צייט בעצם, אויב מען נעמט אוועק דעם זייגער און דעם לוח? אינעם שמועס פון דער וואך פרעגט „מנחם ציון" אין וועלכער תקופה מען וואלט געוואלט לעבן, און די ליינער פארן אהין און צוריק – פון אטען און שפאניע ביזן מיטלאלטער, פוילן פאר דער מלחמה און הונדערט יאר אין דער צוקונפט.

„ונבנתה העיר" דערקלערט מיט א משל פון צוויי פרעזידענטן אויף א באן פארוואס „אין דער זעלבער רגע" איז נישט אזוי פשוט, און פארוואס א זייגער וואס פארט לויפט שטייטער. „זוכער" רעכנט אויס דעם חילוק פון 164 יאר צווישן דעם חשבון פון חז"ל און דעם חשבון פון די היסטאריקער, און דער עולם ברענגט פארשידענע וועגן ווי אזוי צו פארשטיין אים. „דריידל" טיילט איין דאס לעבן אין צענדליגער יארן און פרעגט ווען דער בליענדער עלטער איז; „ליטוואק פון בודאפעסט" בלעטערט אין ציייטונגען פון הונדערט יאר צוריק; און „זאלצוואסער" שרייבט א בריוו צו זיין זייגערל – און באקומט א תשובה.

אין די פערל: וואס מען האט געטון מיט דער צוגעלייגטער שעה, דער סוף פון דער וועלט וואס איז נישט געקומען, און א בלאגער וואס האט נישט קיין צייט. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק": די באליבטסטע שרייבער אויף היידפארק אין 2003, און א שמועס פון 2014 ווער עס איז א חכם.

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | דער דמיון אין צייט • לולקע־ציבער | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | אין וועלכער עפאכע וואלט איר געוואלט לעבן? • מנחם ציון, רביה"ק זי"ע, ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע | 6 |
| וויסנשאפט • פיזיק | רעלאטיוויטי: די אפעקט אויף „זמן" • ונבנתה העיר | 9 |
| היסטאריע • כראנאלאגיע | זמן חורבן בתי מקדשים: די 164 יאר • זוכער, קאך_לעפל, נעגעל וואסער און אנדערע | 13 |
| איבערלעבונגען | דער בליענדער עלטער • דריידל און אנדערע | 16 |
| קולטור • צייטונגען | א צייטונג פון הונדערט יאר צוריק • ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע | 18 |
| הומאר | א בריוו צום זייגערל – און זיין תשובה • זאלצוואסער | 19 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 22 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • baldaas | 23 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 24 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 26 |

הויפט־ארטיקל

# דער דמיון אין צייט

וואס בלייבט פון דער צייט, אויב מען נעמט אוועק דעם זייגער און דעם לוח? א פילאסאפישער שפאציר פון זומער 2013, און אין קעסטל – א ווארט פון ר' חיים בריסקער וואס א ליינער האט צוגעלייגט.

פון **לולקע-ציבער**

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „דער דמיון אין צייט“ • 25סטן יולי 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4358.html

מיר פארמאגן זייגערס און קאלענדערס, וואס טיילן אונז איין די צייט אין באשטימטע חלקים. דאס איז אזא פאטענט וואס די מענטשהייט האט זיך געמאכט, כדי צו קענען קאמוניקירן און אפשמועסן זאכן. אין שעות, טעג, וואכן, חדשים, און יארן, וואלט אונז זייער שווער אנגעקומען אפצושמועסן סיי וואס האט נאר שייכות מיט צייט. מיר וואלטן נישט געקענט מאכן קיין אפאינטמענטס, אדער האלטן חשבון אויף דער טאג-טעגליכער ווירטשאפט.

מיר פארשטייען אבער, אז דער זייגער און קאלענדער האבן ווייניג שייכות מיט "צייט" בעצם. ווען א מענטש זאל זיך טרעפן אין א מדבר, אן זייגערס און אן קיין לוח, וועט די צייט מיט גארנישט זיך טוישן. זי וועט ווייטער לויפן פונקט ווי פריער. דער מענטש וועט טאקע נישט וויסן וויפיל אזייגער עס איז; אויב וועט ער בלייבן אינעם מדבר אויף גענוג א לאנגער צייט, וועט ער ביסלעכווייז אויך אנהייבן פארלירן חשבון אויף די טעג און חדשים. אבער די אלע זאכן וועלן נישט אנרירן דעם עצם געלויף פון זמן – דעם שטראם פון עבר צו עתיד.

מיר האבן זיך געמאכט א סדר אין זמן. היינט, צום ביישפיל, איז דאנערשטאג, חודש אב, תשס"ג. "דאנערשטאג" איז אבער נישט מער ווי אן אופן צו באצייכענען איין געוויסן "שטיק" פון צייט. צייט בעצם איז נישט היינט אדער מארגן – זי טוישט זיך נישט פון נעכטן אויף היינט, אפגעזען וויאזוי מיר "צעטיילן" איר פאר אונזערע צוועקן. מיר האבן זיך געמאכט דעם סיסטעם, כדי זיך צו גרינגער מאכן דאס לעבן.

דאס איז אמת נישט נאר לגבי דעם לוח און זייגער, נאר אויך מיט די סעזאנען. דאס יאר איז איינגעטיילט אין זומער, הארבסט, ווינטער, און פרילינג. אבער די אלע זאכן האבן צוטאן מיטן קלימאט און וועטער – מיט דער ווייטקייט פון דער זון און אונזער ביחס'דיגן פלאץ אויפן ערדקוגל. מיר זענען טאקע צוגעוואוינט אנצוקוקן דאס יאר, די סעזאנען, ווי עפעס א פרט פון צייט. מיר ווייסן אבער גלייכצייטיג אז ס'איז בכלל נישט אמת. מיר רעדן פון די סעזאנען אין קאנטעקסט פון צייט, צוליב דער זעלבער סיבה פארוואס מיר האבן א לוח און א זייגער: לשם פראקטישקייט.

הילוך הזמן – פון עבר צום הווה און פון דארט צום עתיד – האט גארנישט איינגעלייגט דערמיט. דאס געלויף פון צייט איז די זעלבע, אפגעזען פונעם קלימאט אדער צייט פון יאר.

עס קען זיין אז איינער פון די אור-אלטע שבטים וואס לעבן נאך אין די זשונגלען פון אפריקע און דרום אמעריקע האבן גאר אנדערן סיסטעם וויאזוי צו האלטן חשבון אויף דער צייט. עס קען זיין אז זיי האבן א וואך וואס באשטייט פון דרייצן טעג. זייער טאג איז אפשר איינגעטיילט אנדערש ווי אונזערס. אפשר ווערט דער טאג דארט צעטיילט ביי חצות – פון חצות ביז חצות. אפשר גאר איז עס איינגעטיילט אין דריי חלקים. (אין מסכת ברכות געפינען מיר אז פון איין געוויסן פערספעקטיוו איז די נאכט צעטיילט אין דריי חלקים.)

אויב מיר וועלן ארגאניזירן א מיטינג מיט עמיצן פון יענעם שבט, וועלן מיר זיך טרעפן מיט דער זעלבער פראבלעם ווי דעם מענטש וואס האט פארלאנזשעט אין מדבר. די צייט איז פאר אונז איניג, אבער מיר וועלן זיך נישט קענען צונויפשמועסן, ווייל די מיטלען מיט וואס מיר באצייכענען א צייט-אפשניט איז גאר אנדערש ווי ביי יענע.

דער סיסטעם פון סעזאנען, קאלענדער, זייגערס איז אזוי אוניווערסאל אנגענומען, אז מיר, די מענטשהייט, האבן זיך צוגעוואוינט זיי אנצוקוקן ווי אן אספעקט פון צייט אליין. ווען מען רעדט פון "זייגער", קומט זמן בעצם אויפן געדאנק. אבער דאס איז בכלל נישט אמת: דער זייגער האט גארנישט מער שייכות צו צייט ווי דעם העמד אויפן גוף. ביידע ווערט אפעקטירט פון דער צייט – דער זייגער מיט דעם טויש אין ציפערן און דאס העמד מיטן אפגעטראגן ווערן. קיינער פון זיי איז אבער נישט מער און נאענטער פארבינדן מיט זמן ווי דעם אנדערן. ביידע זענען זיי זאכן וואס עקזיסטירן אין, בתוך, צייט.

## דער זייגער האט גארנישט מער שייכות צו צייט ווי דעם העמד אויפן גוף.

וואס "צייט" איז בעצם, איז באמת א פראגע וואס מאטערט די מענטשהייט שוין יארן. אמאל איז די קשיא געווען א פילאסאפישע; היינט איז זי האלב פילאסאפיש, האלב סייענטיפיש; ויש גורסין אז ס'איז נישט דאס, נישט יענץ. מיר פארשטייען איר אזוי ווייניג, אז מיר ווייסן ניטאמאל וואספארא סוג בריאה דאס איז. מיר ווייסן נישט צי זמן איז א הארט-פיזישע זאך, אן אבסטראקטער מושג, א פסיכאלאגישע תוצאה פונעם מוח, צי גאר עפעס אנדערש.

אפשר קען מען שפעקולירן, אז צייט איז אויך אזא מין אוניווערסאלער אפמאך, צו וואס די גאנצע מענטשהייט האט "מסכים געווען". פונקט ווי דעם אופן ווי מיר "צעטיילן" די צייט, וואס איז נישט מער ווי א פאנטאזירטע צייט-שטיקלעך חלוקה, אפשר איז זמן בעצם עפעס וואס קען טעארעטיש זיין "אנדערש" ווי מיר זענען צוגעוואוינט. עס קען זיין אז עפעס אינעם מענטש צווינגט אים אנצוקוקן און פילן צייט אזוי ווי מיר פילן און דערפארן איר. אבער, יתכן אז מען קען אויף אן אופן זיך ארויסרייסן פון דעם "באקס". אפשר וועלן מיר געוואויר ווערן, אז צייט איז מער, צי אנדערש, ווי מיר קענען איר שוין פאר די לעצטע ווייסער-וויפיל טויזנטער יאר.

דאס ווייסן מיר דאך, אז אונזערע חושים דינען א דאפלטן צוועק. פון איין זייט, געבן זיי אונז די מעגליכקייט אויפצונעמען אינפארמאציע און עקספיריענסן די וועלט. אבער פון דער אנדערער זייט זענען זיי באגרעניצט. עס זענען פאראן זאכן וואס מיר קענען נישט באנעמען, ווייל אונזערע חושים זענען זייער ספעציפיש אויפצוכאפן נאר געוויסע זאכן. אונזערע אויערן כאפן אויף לופט-כוואליעס, די אויגן באנעמען איין געוויסן מין פון עלעקטראמאגנעטישע שטראלן, די נאז דערשפירט געוויסע מאלעקיולן, דאס מויל, הענט און פיס דערהייבן נאר ממשותדיגע זאכן. די זאכן באצייכענען אבער נישט מער ווי א קליינעם טייל פון עקזיסטענץ. מיר זענען נישט אויסגעשטאט אויפצונעמען עפעס אנדערש, הגם זיי עקזיסטירן.

מיר ווייסן אויך אז די אטאם-וועלט זעט אויס גאר, גאר אנדערש ווי די, וואס מיר עקספיריענסן. די חוקי הטבע אפילו זענען דארט (אין א געוויסן זין) אנדערש. מיר האבן קיינמאל נישט געוואוסט דערפון, ווייל אויף דעם שטאפל ביי וועלכן מיר דערפארן די וועלט פירט זי זיך נישט אויף די זעלבע ווי אויף דעם סובאטאמישן שטאפל. און יענץ איז אזוי אומבאגרייפליך קליין, אז דער קאפ הייבט אן ווי טאן פון בלויז זיך פרובירן משער זיין פון וואספארא משונה'דיגע פארנעם פון קליינקייט מען רעדט דא. אויב אונזער זע-קראפט וואלט געווען מער פארגעשריטן (אין פארנעם, און אויך אין מעגליכקייט פון זען עפעס וואס געפינט זיך אויף מער ווי איין פלאץ אין דער זעלבער צייט), און מיר וואלטן געקענט מיט די אויגן זען וואס עס שפילט זיך אפ אינעם אטאם, וואלטן מיר געהאט גאר א צווייטן בליק אויף דער וועלט און אפילו אויף עקזיסטענץ.

אפשר איז דאס זעלבע אמת אויף צייט? אפשר ווערט דער מענטש געבוירן מיט עפעס א פסיכאלאגישן "טשיפ" אין קאפ, וואס שטערט אים פון זען די זאך מיט א ברייטערן בליק? אפשר לאזט צייט כשלעצמה גיין אויף צוריק צום עבר פונקט אזוי גרינג ווי פון עבר צום עתיד? דער עבר איז דאך פונקט אזוי א חלק פון כלל-זמן ווי דעם הווה און דעם עתיד. אפשר איז דאס נאר קענען טויש׳ן דעם הווה, נאר זען דעם עבר, און בכלל נישט קענען דעם עתיד א צמצום מיט וואס דער מענטש ווערן געבוירן, אבער פון וועלכן ער קען אויף אן אופן זיך ארויסרייסן?

## אפשר לאזט צייט כשלעצמה גיין אויף צוריק צום עבר פונקט אזוי גרינג ווי פון עבר צום עתיד?

אין א ווארט: אפשר זענען די מושגים פון "עבר", "הווה", "עתיד" קאנצעפטן פון אן ענליכן סוג ווי "לוח" און "זייגער"?

אפשר, אפשר נישט. כ'ווייס נישט. יעצט דארף איך אבער מסיים זיין. וועלן מיר זיך זען, מערצעשעם, נעכטן...

## ווען איז חצות?

אינעם זעלבן אשכול האט „קאווע טרינקער“ צוגעלייגט א ווארט פון ר' חיים בריסקער:

אויף דעם זאגט מען נאך פון ר' חיים פון בריסק, וואס פרעגט: ווען זענען בכורי מצרים געשטארבן? בחצות הלילה! ווען איז חצות? ס'איז דען א "צייט" חצות?
דער תירוץ ווייסט יעדער, אבער וויבאלד דאס איז געווען דער ערשטער ר' חיים וואס כ'האב פארשטאנען, האב איך א חביבות צו איר, און איך וועל דאס איבער חזר'ן.
ר' חיים ענטפערט, גערעכט, ס'דא נישטא קיין "צייט" חצות.. אבער... ס'איך נישט דא קיין "צייט" ווען מ'שטארבט. ביז יעצט יא געלעבט, פון דא אין ווייטער נישט געלעבט. "שטארבן" איז נישט תופס זמן.
לענינינו, בכורי מצרים האבן געלעבט דעם ערשטן האלב נאכט, און די צווייטע האלב נאכט, נישט.

קאווע טרינקער • קאווע שטיבל • 25סטן יולי 2013

א שמועס פון דער וואך

# אין וועלכער עפאכע וואלט איר געוואלט לעבן?

„מנחם ציון“ בענקט נאך אייראפע פאר דער מלחמה און פרעגט: ווען וואלט איר געוואלט לעבן? די ענטפערס גייען פון די ערשטע מענטשן ביז הונדערט יאר אין דער צוקונפט – און עטליכע ווארענען פאר נאסטאלגיע.

פון **מנחם ציון, רביה"ק זי"ע, ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „אין וועלכער עפאכע וואלט איר געוואלט לעבן?“ • 8טן סעפטעמבער 2020 – 8טן אפריל 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14177.html

**מנחם ציון** • 8טן סעפטעמבער 2020

איך דריי מיך אסאך ארום מיט דעם געפיל פון "אויב איך קען ווען איבער שפילן מיין לעבן אין סיי וועלכע תקופה וועלכע וואלט איך געוואלט אויסוועלן?"

אזוי סקראלן'דיג דא ארויף און אראפ, האב איך מיר אנגעשטויסן און דער אלי וויזעל אשכול, ליינענדיג אזוי ר' בערל'ס תגובה, האב איך ווידער אנגעהויבן קלערן דעריין, נעמליך ווי מאדנע עס הערט זיך קריג איך זיך מיט ר' בערל...

איך האב עפעס אן אבסעסיע מיט דעם דור פון בעפאר די קריג, און איך וואלט זיכער אויסגעוועלט מיין פלאץ אין א צווייטע לעבן, אין אייראפע, צווישן די וועלטס קריגן. און ווי מאדנע עס הערט זיך וואלט איך אפי' געוואלט דורכלעבן די קריג.....

איך בין שוין געווען פארשריגן געווארן פון מיינע חברים ביים איופברענגען דעם אבסורדאלער געדאנק, אבער וואזשע זאל איך טון, איך שפיר אזוי....

דאס אידיש לעבן פון דאן איז דאך געווען עפעס מלא חן -כפי- די שילדערונגען און די ביכער-. טראץ די שרעקליכע ארעמקייט אין מיינסטעמס אידישע שטעט, אבער עפעס א הימלישער חן רוט אויף יענע תקופה אין מיינע אויגן, סיי פון א פרומער אידישער שטאנדפונקט, ווי אויך פון א סעקולערער שטאנדפונקט.

עס האבן זיך דאן געיאוועט טאלאנטפולע פאעטן, שרייבער, אקטיארן, און נאך, אזוי אז נישט קיין אונטערשייד אין וועלכע גייסט איך וואלט נאר איפגעוואקסן, וואלט מען געהאט אויף וועם ארויף צוקוקן.

ווער רעדט נאך וועגן דעם חורבן זעלבסט, עס איז נישט מעגליך צו באשרייבן אלע געפילן און ניואנסן וואס אן איבערלעבער האט געהאט דורכאויס די מלחמה. די איינציגסטע וועג דאס צו וויסן איז דורך דעם מיטלעבן, חייב אדם לראות את עצמו וכו' איז א טייל פון דעם חיוב פסח

ביינאכט און פאר גוטע סיבות, איך וואלט געוואלט זיין א טייל פון דעם קריג איבערגאנג (פארשטייט זיך מיט רחמים....) זען, פילן, און מיט לעבן דעם חורבן אויף דער אייגענער מאס.

[פארקירצט]

סא.... ווען וואלט איר געוואלט לעבן?

**מנחם ציון** • 8טן סעפטעמבער 2020

גוטע קשיא

מיין נטי' איז קיין פוילן און ליטא זיי האבן עפעס א געוויסע שארפקייט און אויטענטישקייט אבער אפי' אונגארן אויב ס'איז נישט די פארקוועטשטע אידישקייט וואלט איך הנאה געהאט

שטערט מיר נישט צו זיין פרום אבער נישט די שגעונות פון וועלכע מיר ליידן נאך היינט

**real fake news** • 8טן סעפטעמבער 2020

פאר קיין געלט וואלט איך נישט געוואלט זיין אין א וועלט אן אינטערנעט.

**גראף** • 8טן סעפטעמבער 2020

איך טראכט אז די גאלדענע תקופה פון שפאניע מיט די גאונים און דוכטער. ווער רעדט נאך פון דעם רייכטום יענע צייט.

אבער למעשה מיינער אז איך וויל בעסער טוילעט פעיפער סאו איך בין צופרידן איצטער.

**קאצקער ציקער** • 8טן סעפטעמבער 2020

איך קלויב די צייטן פון גלייך נאכן קריג איך וואלט געוואלט קענען די גדולי ישראל נאכן קריג איך וויל פארשטיין וואס מיינט אז יעדער האט געווינט ביים רבי'נס כל נדרי דרשה

**רביה"ק זי"ע** • 8טן סעפטעמבער 2020

נאסטאלגיע איז פון די מערסט קאמפליצירטע געפילן פונעם מענטשליכן ערפארונג, ס'איז א מענטשליכע איסטינקט צו בענקען צום "גליקליכן" אמאל, די דשאוק איז נאר אז ווען דו וואלסט געלעבט אין יענעם "אמאל" וואלסטו געהאט פונקט די זעלבע נאסטאלגישע געפילן פאר א נאך פריערן "גליקליכן אמאל", ואין לדבר סוף. איך קוק עס אן פון דער פארקערטער ריכטונג, ווען איך וואלט ווען געלעבט אין יאר ו'תש"פ וואלט איך דאך אוודאי' געוואלט לעבן אין ה'תש"פ, איז ווי גליקליך בין איך אז איך לעב טאקע אינעם "גליקליכן אמאל" פון ה'תש"פ...

למעשה גערעדט, כאטש וואס אין ריאליטעט קען איך מיך נישט זען הנאה האבן פון דורכשוויצן זומערס אן עירקאנדישן, ארויסגיין אין בית הכסא וואס איז נישט מער ווי א גרוב אין דער ערד און פאר דער נעקסטער שעה צייט קען מען שמעקן אז איך קום פון דארט, שלאפן מיט ראטן און פיל-פיסיגע קריכעדיגע, דאך האב איך א געפערליכע פעטיש פארן מיטלאלטער. די ווייקינגס, Rollo the walker, וויליאם דער ממזר, די הייליגע רוימישע אימפעריע, די האבסבורגס, די פראנקן, ווען דער פויפסט האט נאך געמיינט עפעס, קריסטאפער קאלאמבוס, די פייטנים און מקובלי אשכנז, רבי יהודה החסיד, דער מהרי"ל, די קעניגן און פירשטן מיט זייערע פאלאצן, שלעסער, און מלחמות, כ'מיין דמיונ'ען קאסט דאך נישט קיין געלט.

[פארקירצט]

**הוגה** • 8טן סעפטעמבער 2020

און יעצט צום פותח האשכול.

איך וואלט געוואלט לעבן אין די צייטן פון די ערשטע מענטשן. פארוואס? צוליב אלע סיבות וואס דו גיבסט אויבן. דעמאלטס האט זיך נישט נאר אנטוויקלט טירמענאלידזשי, נאר אלע קאמיוניקאציע מיטלען, די ערשטע ווערטער און אותיות, געשריבנע און גערעדט, האבן זיך דאן אנטוויקלט. און נישט נאר דאס נאר די גאנצע מציאות האט זיך דאן אנטוויקלט. ס'הייסט נישט נאר די מישוג פון הויז נאר אויך די עצם הויז זעלבסט. וכן בכל התחומים.

**רביה"ק זי"ע** • 8טן סעפטעמבער 2020

[פארקירצט]

הוגה מיינט אז מיטן זאגן אז ער וואלט געוואלט זיין פון די ערשטע מענטשן האט ער זיך ארויסגעדרייט פון מיין "אין לדבר סוף ארגומענט", ווען ער וואלט געווען פון די ערשטע מענטשן וואלט ער זיך צוריקגעבענקט צו די צייטן וואס אונז פלעגט נאך זיין עיפס...

**מנחם ציון** • 8טן סעפטעמבער 2020

און אז מען רעדט שוין, די תקופה פאר די קריג איז שוין געווען געניג א פארגעשריטענע און אסאך באקוועמליכקייטן וואס מיר האבן היינט איז שוין געווען דאן
גרויסע שטעט האבן שוין געהאט וואסער לייטונג, עלעקטריציטעט, אויטאס, באנען, און וואס נישט ספעציפיש ווענן עיר קאנדישנס, פון די עלטערע אידן מיט וועם איך האב גערעדט איז פארשטאנדיג אז די וועטערס זענען ווייט נישט געווען אזוי הייס ווי היינט.

**רביה"ק זי"ע** • 8טן סעפטעמבער 2020

[פארקירצט]

צוריק צום נושא האשכול, די פוינט איז אז נאסטאלגיע וועט דיך אלץ טראגן צו א תקופה פריער פון דיר, דו וועסט אלץ בענקען צו א צייט וואו דו ביזט נישט, וואו דו וועסט נאר זיין וועסט בענקען צו אן אנדערע פלאץ, איז שוין בעסער צו בלייבן און בענקען אויף וואו דו ביזט. שטעל זיך פאר א מינוט אז דו קענסט צוריקגיין צום יאר תר"פ כאוות נפשך הטהור, דו גייסט קיין בעלזא, דו עסט נאכטמאל מיט די שלעפערס דארט המכונים "יושבים", ס'גייט נישט דורך קיין פאר טעג און דו פאנגסט זיך אן בענקען צום גלאררייכן אמאל פון תק"פ, ביזטו צוריק וואו דו האסט אנגעפאנגען, וואס האסטו אויפגעטון?

**דוראק** • 8טן סעפטעמבער 2020

עס איז גאנץ נאטירליך אז מענטשן ראמאנטיזירן דעם אמאל וואס זיי קענען נאר פון דערציילונגען.

איך גלויב נישט אז בשעת מעשה האט אימיצער געפילט אז ער לעבט אדורך א ספעציעלע תקופה, פונקט ווי דו פילסט נישט איצט אז דו לעבסט אין עפעס א ספעציעלער תקופה.

ווילסט הערן וואס א בן התקופה האט געטראכט וועגן יענער צייט? הער ר' יו"ט ערליכס לידל „שווארצע וואלקנס" אין חבלי משיח.

מיר איז עס קיין ספק נישט: פון יענעם ארט וואו איך און מיין משפחה שטאמען, איז יענע תקופה געווען פון די ערגסטע צו לעבן.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 9טן סעפטעמבער 2020

פאר עפעס א סבה האב איך בענקשאפט נאך די יארן גלייך פאר ת"ח ות"ט, אבער דאס קען זיין ווייל נאך ת"ח ות"ט האט מען גערעדט מיט נאסטאלגיע אויף יענער יארן, פונקט ווי מ'רעדט היינט אויף דער תקופה פאר די קריג.

יעדער תקופה איז באקוועם מיט איר באגריפן, און עס איז שווער צו לעבן מיט אנדערע. אין די יארן גלייך נאך די קריג, האט יעדער עמך איד געטראכט פון בויען, אויפטון און עפעס אוועק שטעלן. דאס קען זיין ווייל די זעלבע נאטור האט געהאלפן אט די סארט מענטשן איבערלעבן די קריג, אדער ווייל די תקופה האט עס געפאדערט, איך ווייס נישט. למעשה האבן זיי געלעבט מיט א תחושה אז וואס מ'טוט איז געטון. נישט ווי היינט ווי אלס גייט בעצלתיים. אפשר וואלט איך צוליעב דעם געוואלט לעבן אין די י' יארן. אז סאטמאר האט דעמאלס געבליט איז מיר נישט אזוי אינטערעסאנט, אנטשולדיגט.

**יעקב מעקסוועל** • 9טן סעפטעמבער 2020

איך בין אפטימיסטיש, די שענסטע צייטן איז נאך נישט געווען.

שלום וועט זיך פארמערן, רפואות וועלן זיך פארבעסערן, און הונגער וועט זיך פארמינערן. חכמה וועט זיין גרייט פאר ווער עס וויל, און פרייהייט און יוסטיץ וועלן זיך פארשפרייטן אין דער וועלט.

איך וויל לעבן אין דעם עתיד, און צו דארט שפאן איך מיט פריילעכע טריט.

---

אויב דארף איך גיין צום עבר, וויל איך גיין צו איין פלאץ, אטענס 2,400 יאר צוריק. א זעלטענע שפע פון חכמה איז ארויסגעקומען פון אזא קליינע פלאץ אין אזא קליינע תקופה. מיטהאלטן א דיאלאג אונטער דעם פרייען הימל, הערן טעאריעס וואס ווערן געמאכט לעבעדיג און וועלן האלטן פאר טויזנטע יארן. אה! גם זה הבל.

**מי אני** • 9טן סעפטעמבער 2020

„איך בין אפטימיסטיש, די שענסטע צייט איז נאך נישט געווען."

די אפטימיזם איז אויך אז מ'נעמט אן אז דאס גרויסע פילטער איז אינעם עבר ווי איידער אינעם (עכ"פ נאנטן) צוקונפט.

**ביבער** • 9טן סעפטעמבער 2020

אין מיין פריערדיגן לעבן בין איך געווען טובי' דער מילכיגער. נישט טאפאלע נאר דער היימישער מיטן ווייסן בארד פונעם אידישן מאווי. און איך וואלט עניטיים צוריקגעגאנגען אהין. דער מאווי האט מיר גאנץ גוט אראפגעשפילט, זיי האבן אבער ארויסגעלאזט די חלק אז איך בין געווען א דבקותדיגער חבדסקער וואס האט געהאקט אייז פארן זינגען די ד' בבות.

די צער גידול בנים איז קיין מילך מיט האניג נישט געווען אבער יעצט קוקנדיג צוריק האב איך הנאה פון זיי. ווי מזאגט ביינונו בדיעבד איז עס לכתחלה גוט געווען.

**מעיקלער** • 23סטן פעברואר 2024

איך וואלט געוואלט צוריקגיין צי די דורות הראשונים פשוט איינמאל פאר אלעמאל מברר צי זיין אויב זענען זיי געווען מלאכים אדער מענטשן

אזוי וועל איך קענען וויסן צי מיר זענען מענטשן אדער חמורים

**אפטימיסטיש** • 23סטן פעברואר 2024

איך וואלט געוואלט לעבן הונדערט יאר ארום, ווי איידער הונדערט יאר צוריק.

נעמענדיג אין באטראכט די פאזיטיווע ריכטונג אין וועלכע די וועלט רוקט זיך דורכאויס די לעצטע 100 יאר, איז צום שפעקולירן אז אין 100 יאר פון יעצט וועט די וועלט זיין אין א פיל בעסערע פאזיציע, דעריבער קלויב איך אויס די צוקונפט איבער דער פארגאנגענהייט

**שמעקעדיג** • 8טן אפריל 2024

„איך וואלט געוואלט לעבן הונדערט יאר ארום, ווי איידער הונדערט יאר צוריק."

איך בין נישט מקנא די מענטשאל העלט פראבלעמען וואס גייען זיין דעמאלס...

**berlbalaguleh** • 8טן אפריל 2024

ס'גייט זיין טעראפי פאר א יעדע זאך: ס'וועט זיין א שיך-בענדל טעראפיסט. אויך א ציין פוצן און א הויזן-פאסיק טעראפיסט.

---

וויסנשאפט • פיזיק

# רעלאטיוויטי: די אפעקט אויף „זמן"

צוויי פרקים פון א סעריע וואס „ונבנתה העיר" האט געשריבן לויט ברייען גרין'ס בוך „The Elegant Universe": פארוואס „אין דער זעלבער רגע" איז נישט קיין זיכערע זאך, און פארוואס א זייגער וואס פארט לויפט שטייטער. די צייכענונגען פונעם ארגינאל זענען נישט אריין.

פון **ונבנתה העיר**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „די א"ב פון רעלאטיוויטי – The Elegant Universe" • 19טן מערץ – 21סטן מאי 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2865.html

---

## פרק ה': די אפעקט אויף 'זמן' — חלק א'

אז מיר האבן זיך שוין באקענט מיט די צוויי יסודות, די פרינסעבל וואו רעלאטיוויטי און אז די ספיד אוו לייט איז קאנסטעגט און אומטויישבאר, קענען מיר זיך זייער גרינג איבערציינגן אז אונזער הבנה אין 'זמן' איז פשוט נישט ריכטיג.

שטעלט אייך פאר אזא מעשה: צוויי מדינות וואס זענען אין קריג גרייטן זיך אונטערצושרייבן א הסכם, קיין איינער פון די פרעזידענט וויל אבער נישט חתמ'ענען זיין קאפיע פונעם שטר פאר דער צווייטער חתמ'עט, זענען זיי אויפגעקומען מיט א המצאה, ביידע וועלן זיך זעצן ביי צוויי פארקערטע עקן פון א טיש, און פונקט אינדערמיט פונעם טיש וועט מען אוועקשטעלן אן אויסגעלאשענעם באלב, דערנאך וועט מען עס אנציגדן און לייט וועט ארויספליהען פונעם באלב אין דער ריכטונג פון די צוויי, והי' ווען די ליכטיגקייט וועט זיי ביידע דערגרייכן דעמאלט וועלן זיי חתמ'ענען דעם צעטל ביידע אויפאמאל, וכך הוי, און די צערעמאניע איז אריבער בשלום צו דער צופרידענהייט פון ביידע צדדים.

א צייט שפעטער איז געווען א קריג צווישן מזרח-לאנד און מערב-לאנד, און ווען זיי האבן געהאלטן ביים חתמ'ענען א שטר הסכם האבן זיי זיך אויך באנוצט מיט דעם אויבן-דערמאנטן פאטענט, די איינציגסטע חילוק איז נאר אז די פרעזידענטן פון מזרח און מערב זיצן ביידע אויף א באן וואס פארט מיט א קאנסטענט וועלאסעטי [עס טוישט נישט ספיד אדער דירעקציע], אבער וואוסענדיג אז לויט'ן פרינסעבל אוו רעלאטיוויטי קען אזא תנועה נישט ברענגען קיין שום שינוי אין די חוקים פון פיזיקס, און

זיי האבן א רעכט זיך צו באטראכטן ווי זיי שטייען אויף איין פלאץ, האבן זיי נישט צוגעלייגט קיין סאך מחשבה צום פאקט אז זיי זענען אויף א טרעין, און מען האט זיך געגרייט אויפן מעמד החתימה.

ביידע פרעזידענטן האבן זיך געזעצט ביי די צוויי פארקערטע עקן פונעם טיש, דער פרעזידענט פון מזרח-לאנד מיטן פנים צו דער דירעקציע וואו די באן פארט, און דער פרעזידענט פון מערב מיטן פנים אין דער פארקערטער דירעקציע, מען האט אנגעצינדן די באלב וואס איז געשטאנען פונקט אינדערמיט, און אין דער רגע וואס לייט האט דערגרייכט יעדער פון זיי האבן זיי אונטערגעשריבן דעם צעטל לשמחת כל המשתתפים אויפן באן וואס האבן מעיד געווען אז די ליכטיגקייט האט דערגרייכט יעדער פון די פרעזידענטן אין דער זעלבער רגע.

למעשה האט אבער אויף דער פלאטפארמע אויסגעבראכן מהומות, דארטן זענען געשטאנען חסידים פון מזרח און מערב און באטראכט די צערעמאניע אויפן באן, און ווי נאר מען האט גע'חתמ'עט האבן די מזרחיסטן אנגעהויבן פארפירן אז מען האט זיי אויסגענארט און זייער פרעזידענט האט גע'חתמ'עט פאר דעם פרעזידענט פון מערב.

ווען די מענטשן אויפן באן האבן דאס געהערט האבן זיי זיך נישט געגלייבט די אויערן, זיי האבן דאך בפירוש געזען ווי די ליכטיגקייט וואס איז ארויס פונעם באלב וואס שטייט פונקט אינמיטן פונעם טיש איז אנגעקומען צו ביידע פרעזידענטן אין דער זעלבער רגע, איז ווי קען זיין אז די וואס זענען געשטאנען אויף דער פלאטפארמע האבן אבזערווירט אז עס איז קודם אנגעקומען צום פרעזידענט פון מזרח?

די סיבה דערצו איז פשוט, די וואס שטייען אויף דער פלאטפארמע האבן געזען ווי די לייט איז ארויס פונעם באלב אין א געוויסע רגע און האט אנגעהויבן פארן אין דער ריכטונג פון ביידע פרעזידענטן, אבער אין דער צייט וואס עס האט גענומען פאר די לייט צו פארן פונעם באלב ביז צו די פרעזידענטן איז דאך די באן ווייטער געפארן, וואס דאס מיינט אז דער מזרח פרעזידענט האט זיך געריקט נענטער צו די לייט כחתן היוצא לקראת כלה און די לייט האט געדארפט קאווערן ווייניגער שטח איהם צו דערגרייכן, לעומת זה, דער פרעזידענט פון מערב איז אין דער זעלבער צייט געפארן אין דער פארקערטער ריכטונג פון די לייט, אויב אזוי האט די לייט געדארפט פארן מער שטח איהם צו דעריאגן, ממילא טענה'ען די מענטשן אויף דער פלאטפארמע – און מיט רעכט – אז עס דארף אויסקומען, און אין פאקט האבן זיי אזוי אבזערווירט, אז די לייט דערגרייכט קודם דעם מזרח פרעזידענט און ערשט דערנאך דעם מערב'דיגן.

צוויי נקודות וואס מען דארף מדגיש זיין:

א) וואס מען האט יעצט געשמועסט איז נישט א סטעיטמענט בנוגע די ספיד און לייט, ווי מיר ווייסן שוין קען מען די ספיד און לייט נישט משנה זיין - נישט שנעלער מאכן און נישט שטייטער מאכן, דאס איז נאר א סטעיטמענט בנוגע 'וויפיל שטח' די לייט דארף פארן כדי צו דערגרייכן די פרעזידענטן, און ווי ערקלערט זען די מענטשן אויף דער פלאטפארמע אז אנצוקומען צום מזרח'דיגן דארף די לייט קאווערן אסאך ווייניגער שטח, און ממילא האבן זיי געזען ווי עס איז אנגעקומען קודם צום פרעזידענט פון מזרח, אבער די מענטשן וואס געפינען זיך אויפן טרעין באטראכטן זיך ווי זיי שטייען אויף איין פלאץ, און ממילא זען זיי ווי די לייט פארט די זעלבע שטח צו דערגרייכן ביידע פרעזידענטן און עס דערגרייכט זיי אין דער זעלבער רגע.

ב) די גאנצע פאראדאקס איז א דירעקטע תוצאה פון דעם וואס די ספיד און לייט איז קאנסטענט און מען קען עס נישט פארשנעלערן אדער פארשטייטערן, אויב וואלט לייט זיך אויפגעפירט ווי יעדע אנדערע זאך אין דער בריאה וואלטן די מענטשן אויף דער פלאטפארמע מסכים געווען אז ביידע האבן גע'חתמ'עט אין דער זעלבער רגע, פארוואס? גאנץ פשוט, אין הכי נמי אז די לייט וואס לויפט צום מזרח פרעזידענט האט א קלענערע שטח צו קאווערן ווי די לייט וואס לויפט צום מערב'דיגן, אבער קעגן דעם האט דער מערב לייט באקומען א שטויס אויף פאראויס פונעם באן וואס לויפט אינעם זעלבן ריכטונג ווי איהם, און דאס פארקערטע ביים מזרח לייט, ער וואלט געווארן צוריקגעשלעפט דורכן באן וואס לויפט די פארקערטע וועג, אזוי אז צום סוף וואלטן זיי זיך אויסגעגליכן און זיי וואלטן – פון יעדן'ס פערספעקטיוו – דערגרייכט ביידע אין דער זעלבער רגע, אבער אזוי ווי לייט קען נישט ווערן אריינגעשטויסן אין א העכערע ספיד אדער צוריק געשלעפט אין א שטייטערע, וועלן מיר באקומען דעם אויבנדערמאנטן מאדנעם פאראדאקס.

איז ווער איז גערעכט? כ'מיין, מען רעדט דאך נישט דא פון אן אבסטראקטע לומדות, עס האנדלט זיך איבער א פאקטישע מציאות, האבן די פרעזידענטן גע'חתמ'עט אויף איין מאל אדער נישט?

דער תירוץ איז, ביידע זענען גערעכט, פונקט ווי ראובן און שמעון וואס שוועבן אין ספעיס [פרק ג'], פון די פראספעקטיוו פון די וואס זענען אויפן טרעין האבן זיי גע'חתמ'עט צוזאמען, און פון די פראספעקטיוו פון די וואס שטייען אויף דער פלאטפארמע האבן זיי נישט, און ביידע האבן אן אייניגע קלעים אויפן אמת – ביידע זענען אמת.

איז וואס בלייבט די אייניגסטע עצה? זמן, מיר וועלן בע"כ מוזן מסכים זיין אז זמן איז נישט אבסעלוט, און דער זמן וואס האלט אין

זיך די מעמד החתימה קען זיך אויסשפילן ביי מיר פריער אדער שפעטער ווי ביי דיר.

ומפני החביבות וועל איך מעתיק זיין אפאר שורות פון גרין:

The constancy of the speed of light requires that we give up the age-old notion that simultaneity is a universal concept that everyone, regardless of their state of motion, agrees upon.

The universal clock previously envisioned to dispassionately tick off identical seconds here on earth and on Mars and on Jupiter and in the Andromeda galaxy and in each and every nook and cranny of the cosmos does not exist.

ווי שוין דערמאנט כמה פעמים איז דער חילוק צווישן די געשעענישן טאקע נישט מערקבאר ביי אונזערע ספיד'ס, למשל אז די טרעין פארט ביי 10 מפ"ש און דער טיש ביי וועלכן זיי זיצן איז לאנג 100 פיס, וועלן די אבזערווערס פון דער פלאטפארמע זען ווי די לייט דערגרייכט דעם מזרח פרעזידענט מיט א מיליאנ'סטל פון א ביליאנ'סטל פון א סעקונדע פאר עס דערגרייכט דעם פרעזידענט פון מערב-לאנד, פונדעסטוועגן שטעלט עס פאר מיט זיך א ריכטיגע חילוק אין צייט [וואס ביי שנעלערע ספיד'ס וועט עס ווערן מערקבאר], און פרעגט אפ אונזער מושכל ראשון אין זמן.

אין חלק ב' וועלן מיר זיך איבערצייגן בע"ה ווי צייט לויפט שטייטער ווען מען ריקט זיך, און אויך אנרירן א משהו וואס די עצם מושג פון זמן איז.

## פרק ו': די אפעקט אויף 'זמן' — חלק ב'

אז מיר ווילן פארשטיין די דירעקטע השפעה וואס תנועה האט אויף זמן [אז ווען מיר אבזערווירן אז איינער איז אין מאושען וועלן מיר אויך אבזערווירן ווי יענעם'ס זייגער לויפט שטייטער] דארף מען קודם אביסל מפשיט זיין די מושג פון 'זמן', און עס מגדיר זיין אין דעם פשוט'סטן אופן וואס עס איז שייך – עכ"פ אין אונזער קאנטעקסט; די רילעישענשיפ צווישן תנועה און זמן.

עס איז זייער שווער צו זאגן אן אבסטראקטער הגדרה אויף זמן, וואס איז דאס 'זמן' בעצם, אן דעם וואס מען זאל דארפן רעדן פון פועל יוצא'ס אדער זאכן וואס שפילן זיך אפ אין דער עצם זאך וואס רופט זיך זמן, ווי גרין זאגט, ווען מען פראבירט מגדיר צו זיין זמן ענדיגט זיך עס געווענטליך מיט איהם אליין: זמן, אדער דרייעט מען ארום און ארום פשוט נישט צו דארפן ארויסזאגן דעם ווארט.

ממילא וועלן מיר ענדערש פראבירן צו פארשטיין זמן – עכ"פ לצורך אונזער יעצטיגער נושא – ווי זי ווערט געמאסטן דורך א זייגער, פארשטייט זיך אז יעצט וועלן מיר דארפן מגדיר זיין וואס איז דאס א זייגער? מיר וועלן אנקוקן א זייגער ווי א זאך וואס גייט אריבער פונקליכע מחזורי תנועה, רעגולער סייקלס אף מאושען, און יעדע סייקל [אדער א חלק דערפון, למשל א זעכציג'סטל] איז א באשטימטע 'זמן', יעדעס מאל דאס סעקונדע ווייזער'ל ענדיגט א סיבוב איז אדורך א מינוט אין 'זמן'.

[נישט אזוי נוגע צו דעם עצם נושא: הגם אז ווען מיר זאגן אז דער זייגער גייט אריבער 'פונקטליכע' מחזורי תנועה האבן מיר שוין אריינגעמישט די מושג פון זמן, 'פונקטליך' מיינט דאך אז די סייקלס דויערן די זעלבע 'זמן', אבער מיט דעם וועלן מיר זיך עצה געבן דורך רעדן פון פשוט'ע זייגער-סיסטעמען, ווי א זייגער וואס ארבעט דורך א שאקלענדיגע פענדאלעם אדער אן אטאמישע זייגער, וואס מיר קענען עקספעקטן אז ע"פ חשבון וועלן זיי אריבערגיין איינציגע געשענישן אין יעדן מחזור].

ממילא אנשטאט דארפן טראכטן ווי אזוי תנועה אפעקטירט די עצם מושג פון זמן וואס איז גאר א דקות'דיגער, קענען מיר דורכטון ווי אזוי די טיקינג פון א זייגער [יעדע 'טיק' איז א באשטימע מאס זמן אדורכגעלאפן] ווערט אפעקטירט דורך תנועה.

לאמיר זיך פארשטעלן דעם פשוט'סטן זייגער – דעם ליכט זייגער, צוויי שפיגלען איינס העכער דעם צווייטן מיט 6 אינטשעס, און פון איינעם צום צווייטן לויפט א פאטאן פון לייט [איין ברעקעלע ליכטיגקייט] אהין און צוריק.

לייט – ווי מיר ווייסן – לויפט אלעמאל מיט א באשטימטע ספיד; די ספיד אף לייט, לויט דעם וועט נעמען פארן פאטאן א ביליאן'סטל פון א סעקונדע צו מאכן א ראונד-טריפ פון דעם אונטערשטן שפיגל ארויף צום אויבערשטן און צוריק אראפ און דאס וועלן מיר רופן איין 'טיק', אזוי האבן מיר שוין א פערטיגע זייגער, אז מיר זען אז פון ווען עס האט אנגעהויבן צו רעגענען ביז עס האט אויפגעהערט האט דער זייגער גע'טיקט 55 ביליאן מאל ווייסן מיר אז עס האט געדויערט 55 סעקונדעס.

יעצט, לאמיר זיך פארשטעלן אזא מעשה: די לייט-זייגער זיצט רואיג אויף א טיש און מיר אבזערווען ווי עס טיקט – יעדע טיק מיינט אז א ביליאנ'סטל פון א סעקונדע איז אדורך, פלוצלינג גליטשט זיך אדורך אויפן טיש א צווייטער לייט-זייגער, עס פארט אריבער נעבן דעם ערשטן מיט א קאנסטענט וועלאסעטי [עס טוישט נישט ספיד אדער דירעקציע], וועט די צווייטע זייגער טיקן מיט די זעלבע רעיט [תדירות] ווי דער ערשטער?

לאמיר אריינטראכטן א מינוט אין די path וואס די פאטאן פונעם צווייטן זייגער דארף נעמען כדי עס זאל מאכן א 'טיק', ער הייבט אן פונעם אונטערשטן שפיגל און פארט ארויף צום אויבערשטן, אבער וויבאלד – פון אונזער פערספעקטיוו – רוקט זיך דער זייגער

פון לינקס צו רעכטס, מוז דער פאטאן ארויף-פארן אין א שיפּע ליניע אויף רעכטס כדי ער זאל אריינקלאפן אינעם אויבערשטן שפיגל, און די זעלבע אויפן וועג צוריק אראפ, ער וועט מוזן אראפ-פארן אין אן אנגעל – שיעף אויף רעכטס, כדי ער זאל קענען לאנדן אויפן אונטערשטן שפיגל און פארענדיגן א 'טיק'.

איי וועט איר פרעגן, ווער זאגט אז דער פאטאן וועט מיטשפּילן מיט די גאנצע געפארעכטס? אפשר וועט ער ווייטער פארן גראד ארויף אין ספעיס אריין פארפאסענדיג די אויבערשטע שפיגל? דער תירוץ איז, אזוי מיר ווייסן אז לויטן פרינסעבל און רעלאטיוויטי האט דער צווייטער זייגער א רעכט זיך צו באטראכטן ווי 'סטעישאנערי' און אלע אנדערע זענען די וואס ריקן זיך, ממילא איז פון זיין פרעספעקטיוו איז כאילו ער שטייט אויף איין פלאץ און עולם כמנהגו נוהג, ער טיקט יעדע 55 ביליאן'סטל פון א סעקונדע כבימים כתיקונם, ממילא ווייסן מיר אויף זיכער אז די פאטאן וועט זיך אנקלאפן אינעם אויבערשטן שפיגל און דערנאך צוריק אראפקומען צום אונטערשטן, נאר אזוי ווי פון אונזער פרעספעקטיוו ריקט זיך דער צווייטער זייגער, וועט די פאטאן מוזן בעל כרחו - פון אונזער קוק-ווינקל - נעמען א שיפּע וועג ארויף און אראפ.

די פראבלעם איז נאר אז א שיפּע וועג ארויף איז אסאך לענגער ווי א גראדער, ד.ה. אז חוץ פון דעם וואס ער דארף ארויף-פארן דארף ער אויך פארן אויף רעכטס, [וליתר שאת: א פאטאן פון לייט פארט דאך אלעמאל מיט די זעלבע ספּיד – מען קען איהם נישט פארשנעלערן,] קומט דאך אויס אז – פון אונזער פרעספעקטיוו – נעמט לענגער פארן צווייטן זייגער ארויסצוגעבן א טיק, ווייל די פאטאן דארף דאך פארן א לענגערע וועג כדי צו מאכן א ראונד-טריפּ, קומט אויס אז דער צווייטער זייגער וואס איז אין מאושען [פון אונזער פרעספעקטיוו] וועט טיקן less frequently ווי דער ערשטער, און אזוי ווי מיר האבן מסכים געווען אז די טיקס רעפלעקטירן וויפיל צייט עס איז פארלאפן, קענען מיר פון דעם ארויסנעמען אז ווען מען אבזערווד איינעם וואס איז אין מאושען וועט מען אויך זען ווי יענעם'ס צייט לויפט שטייטער.

און אויב האט איר א מחשבה זרה אז אפשר איז דאס דוקא ביי א לייט-זייגער, אפשר האט עס עפעס ספעציעלע תכונות? איז דער תירוץ אזוי: שטעלט אייך פאר אז דער לייט-זייגער איז צוגעקלעבט צו א פשוט'ער האנט זייגער, מיט יעדע 55 ביליאן טיקס אויפן לייט-זייגער זעסטו ווי א סעקונדע איז אדורך אויפן געהעריגן זייגער, יעצט לייגסטו זיי ביידע אריין אין א טרעין וואס האט נישט קיין פענסטער און עס פארט מיט קאנסטענט וועלאסעטי, לויט'ן פרינסעבל און רעלאטיוויטי הייסט עס נישט קיין תנועה, סיי דו און סיי דיינע עקספערימענטן וואס דו פירסט דורך זענען – פון דיין קוק-ווינקל – סטעישאנערי, אויב אזוי מוז על כרחך זיין אז דער פשוט'ער זייגער וועט זיך אויך פארשטייטערן, ווייל אויב נישט וועט ער דאך מער-נישט שטימען מיטן לייט-זייגער און דו וועסט פון דעם וויסן אז דו ביסט אין מאושען, היש לך ווייעלעישען פון די פרינסעבל און רעלאטיוויטי גדולה מזו?

נאר וואס דען, פשט איז אז צייט בעצם פארשטייטערט זיך – עס לויפט אין סלאו מאושען, יעדע געשעניש, יעדע פעולה וועט - ווי א דרויסענדיגער קוקט דיך אן - נעמען לענגער, און אין דעם איז אריינגערעכנט ווי לאנג עס נעמט פארן פאטאן צו מאכן א ראונד-טריפּ און ווי לאנג עס נעמט פארן סעקונדע-ווייזער'ל פונעם האנט-זייגער זיך צו ריקן פון איין מארק צום צווייטן, אבער מער איבער דעם אינעם נעקסטן פרק בע"ה.

נאך א נקודה וואס מיר קענען ארויסנעמען: וואס שנעלער יענער ריקט זיך אלס שטייטער וועל איך זען יענעם'ס צייט דורכגיין, ווייל וואס שנעלער דער לייט-זייגער ריקט זיך אויף רעכטס דארף דער פאטאן לויפן א גרעסערע שטח איהם צו דעריאגן, און ממילא וועט איהם נעמען לענגער צו טיקן.

[אויב וואונדערט אייך, ווי עס האט מיר, ווי אזוי קענען צירופי מקרים שטימען איינער מיטן צווייטן אויפן האר? נניח אז פונעם לייט-זייגער זעט מען א צייט פארשטייטערט זיך, איז עס דאך נאר א ראי' נישט די סיבה, איז ווי אזוי קען זיין אז די צייט אויפן האנט זייגער [און בע"כ צייט בעצם] וועט זיך פונקט אויף אזויפיל פארשטייטערן אז די פאטאן זאל קענען דעריאגן דעם אנטלויפענדיגן שפיגל אויפן האר?

ווארט'ס מיט געדולד, לכאורה וועט עס זיין מובן נאכן פארשטיין איינשטיין'ס ביאור וואס ליגט אונטער דעם, פארוואס טאקע ווען מען איז אין מאושן לויפט צייט שטייטער.]

היסטאריע • כראנאלאגיע

# זמן חורבן בתי מקדשים: די 164 יאר

לויט דעם חשבון פון חז"ל איז דער ערשטער בית המקדש חרוב געווארן אין יאר 422 לפה"ס; לויט די היסטאריקער – אין 586. „זוכער" שטעלט אוועק די ציפערן, און דער עולם זוכט ווי אזוי צו פארשטיין דעם חילוק.

פון **זוכער, קאך_לעפל, נעגעל וואסער און אנדערע**

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „זמן חורבן בתי מקדשים – עפ"י חז"ל – ולפי חוקרי זמנינו" • 30סטן יאנואר 2019 – 9טן מערץ 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12920.html

**זוכער** • 30סטן יאנואר 2019

בנוגע די געננויע זמנים פון זמן חורבן בתי מקדשים - עפ"י חז"ל - ולפי חוקרי זמנינו איז פאראן א שטארקע דיפערענץ.

א דיפערענץ פון איבער 150 יאר א חילוק, וואס נעמט ארום די פאלגענדע ענינים וואס זענען נוגע פאר כלל ישראל:

בניית בית המקדש הראשון:
חז"ל: ב' תתקכ"ח (832- לפה"ס)
חוקרי זמנינו: ב' תת"י (950- לפה"ס)
חילוק בניית בית המקדש הראשון - 118 יאר

חורבן בית המקדש הראשון:
חז"ל: ג' של"ח (422- לפה"ס)
חוקרי זמנינו: ג' קע"ד (586- לפה"ס)
חילוק בחורבן בית המקדש הראשון: - 164 יאר

עמידת בית המקדש ראשון:
חז"ל: 410 יאר.
חוקרי זמנינו: 364 יאר
חילוק בעמידת בית המקדש ראשון: 46 יאר

70 יאר גלות בבל.
אין דעם איז נישט פאראן קיין ערנסטע מחלוקה.

בניית בית המקדש השני:
חז"ל: ג' ת"ח (352- לפה"ס)
חוקרי זמנינו: ג' רמ"ד (516- לפה"ס)
חילוק בבניית בית המקדש השני: 164 יאר

חורבן בית המקדש השני
חז"ל ג' תתכ"ח (68 למס')
חוקרי זמנינו: ג' תת"ל (70 למס')
חילוק בחורבן בית המקדש השני: 2 יאר

עמידת בית המקדש השני:
חז"ל: 420 יאר.
חוקרי זמנינו: 586 יאר
חילוק בעמידת בית המקדש השני: 166 יאר

ווי מיר זען דא זענען פאראן פונדעמענטאלע חילוקים וועלכע נעמען ארום מערערע יסודות'דיגע ענינים:
ימי מלכי יהודה ביז'ן חורבן.
ימי מלכי בבל
ימי מלכי פרס
לויט די חקרי זמנינו האט נבוכדנצר השני, שוין לאנג נישט געלעבט בשנת ג' של"ח (422- לפה"ס). לשיטתם איז ער שוין געווען לאנג טויט ווען מיר רעכנען דעם חורבן הבית. לויט די חקרי זמנינו, איז שוין דער צווייטער בית המקדש לאנג געשטאנען - ווען לחז"ל איז נאך דער ערשטער בית המקדש געשטאנען בתפארתו.

די פלא גדול איז: אז ווען עזריה מן האדומים (דע ראסע) בספרו מאור ענינים האט געקריגט אויף חז"ל מיט פיל קלענערע ציפערן, וואס לויט זיין חשבון זענען געווען מער קעניגן למלכי בבל ופרס, און האט געטוישט פארשידענע זמנים, איז עס ממש בלאס קעגן די חילוקים וואס די היינטיגע גויאישע חוקרים, היסטאריקער און פארשער לייגן ארום. עזריה מן האדומים האט זיך געשפילט מיט 30 יאר. דער אברבנאל מיט 15 יאר בערך, אבער קיינער פון די אמאליגע אידישע חוקרים איז בכלל נישט צוגעקומען צו די 164 יאר דיפערענץ איבערן חורבן בית הראשון, און בניית בית המקדש השני - וואס איז ממש מרפסין איגרא.

**קאך_לעפל** • 30סטן יאנואר 2019

שכוח זוכער! עס איז שוין לאנג נישט געווען אזא אינהאלטסרייכע זאכליכע הודעה דא אינעם שטיבל.

צום טאפיק:

די יארן זענען אייגנטליך נישט לויט חז"ל נאר די יארן שטימען לויט די פסוקים פונעם תנ"ך. דער תנ"ך איז מערוויניגער אנגענומען אלס גאנץ קראנט ביי די אידן און ביי די קריסטן.
און אויף וואס איז באזירט די חשבון פון די חוקרים? אויף היסטאריע ביכער? דאן קען איך דאך ענדערש גלייבן דעם תנ"ך! איז דער חשבון פון די פארשער געבויעט אויף סייענטיפישע אדער ארכאלאגישע פארשונגען?

**זוכער** • 30סטן יאנואר 2019

„און אויף וואס איז באזירט די חשבון פון די חוקרים?"

די היסטאריקער טוישן אלעס ארום. לויט זייערע יארן איז די מלוכה פון נבוכדנצר געווען מיט 164 יאר פריער,
נאך אים אויל מרודך,
נרגל-שראצר

די היסטאריקער לייגן בלשאצר וואס לויט חז"ל האט ער זיך משתמש געווען בכלי בית המקדש נאכן חורבן צו 540- לפה"ס, דאס איז 120 יאר פארן חורבן.
די גאנצע וועלט'ס היסטאריע וועלכע נעמט ארום צענדליגער קעניגן, פעלקער, מלחמות, רעוואלוציעס פון די גרעסטע וועלטס-מאכטן בימים ההם, זענען אלע פאררוקט מיט 164 יאר.

יא, מיר מוזן גלייבן חז"ל! (פינטל)
אבער ווער וויל נישט דען נישט פארשטיין וואס דא קומט פאר, און אפשר פראבירן אויסגלייכן די היסטאריע אויב ס'איז נאר מעגליך?

**נעגעל וואסער** • 30סטן יאנואר 2019

א דאנק פארן עפענען דעם אשכול.
נישט לאנג צוריק האב אריינגעזעצט אין דעם צומעשעניש, און די יארן האט נישט אנגעהויבן צו קלאפן. איך האב מיר געבראכן קאפ א האלבע נאכט צו זען וואס דא גייט פאר ביז כבין געוואור געווארן אז דאס קלאפט אפיציעל נישט..

[פארקירצט]

בנוגע ווענען צו גלייבן בין איך מסופק, ווייל בדרך כלל קען מען אפטייטשן די פסוקים אויף עטליכע אופנים, ובפרט אין די חשבונות פון די יארן איז מבואר אין גמרא מגילה אז זייער אסאך האבן זיך טועה געווען מיט די חשבונות פון יארן. ווי אויך אויף אסאך ערטער האב איך געטראפן אין די מפרשים אויף נ"ך וואס דינגען זיך אויף חשבונות פון סדר עולם און אויך אויף דער גמרא, אשר על כן אויב די ארכעאלאגישע אויפדעקונגען זענען באמת קראנט זע איך נישט קיין גרויס אישו מיטן אננעמען ווי זיי. אבער בדרך כלל זענען זייערע געפונסן נישט קיין הונדערט פראצענדיגע באוויזן, נאר איז צוזאמענגעשטעלט פון אסאך חלקים און אסאך השערות דערפאר איז דאס עפעס וואס מיר וועלן לכאורה קיינמאל וויסן אויף זיכער.

**רביה"ק זי"ע** • 30סטן יאנואר 2019

די תמיהה וואס רופט זיך "The Missing Years", טרעפט מען אין נאך פלעצער אויך, נישט נאר אין אידישע היסטאריע. ס'דא די אכצן יאר פון יאשקע וואס זענען נישט קלאר, דאכצעכמער אז אויך ביי שעיקספער ברעכט מען זיך קאפ. ס'איז א נארמאלע זאך אז געוויסע זאכן ווערן אומקלאר און פארגעסן במרוצת הזמן, און אין א געוויסע פונקט אין היסטאריע כאפט מען זיך ביים קאפ אז עפעס שטימט נישט. דאס אז אונז האבן א ברייתא וואס זאגט איין וועג, מיינט נאכנישט אז ס'איז הונדערט פראצענט אזוי. רוב מדרשים און ברייתות זענען פארלוירן געגאנגען אין גלות, די גמרא זאגט אז ס'געווען א מדרש אויף דברי הימים מיטן נאמען ספר יוחסין, און ברוריה האט געלערנט אין דעם דריי הונדערט ברייתות א טאג פאר דריי יאר, און זי האט עס נישט געענדיגט (פסחים סב:). ס'איז כמעט ברור, אז פונקט ווי יעדע זאך אין אידישקייט איז א מחלוקת, איז דא אויך געווען פארשידענע ברייתות מיט פארשידנארטיגע טיימליינס, און צו אונזער שלעכטע מזל זענען אונז נאר איבערגעבליבן מיט דער איינער ברייתא וועלכע שטעלט זיך ארויס אלץ אומריכטיג. יוסיפון האט אויך אן אנדערן חשבון ווי די ברייתא, און בפשטות איז ער נישט געווען דער איינציגסטער וואס האט געהאט אזא חשבון, מן הסתם איז געווען א ברייתא אזויווי אים אויך.

**זוכער** • 31סטן יאנואר 2019

נאכן ליינען אלע חומר וואס מ'האט דא אנגעברענגט איבער דעם נושא, שטעלט זיך ארויס אזוי:
יעדער רעדט כמעט נאר פון די 164 יאר דיפערענץ פון בית מקדש השני. צי דאס איז געבויעט געווארן אין יאר 350 לפה"ס כשיטת חז"ל
אדער יאר 586 לפה"ס כשיטת החוקרים.

עס איז א גרויסע מבוכה איבער די מלכי מדי, צי ס'איז געווען 4 מלכים צי פיל מער לויט די היסטאריקער, און מיר ווערן געשטעלט פאר א שווערע דילעמע:

צי נעמען מיר אז חז"ל האבן פארדרייט דיה יסטאריע און אראפגענומען 164 יאר די יארן, צוליב עפעס אן אומבאקאנטע סיבה, און פארדרייט אלע יוצרות, צו ביודעים אדער בלא יודעים.

צי נעמען מיר אן אז די אלגעמיינע היסטאריקער האבן א פאדרייטע היסטאריע, און זיי פראבירן מיט כח צו אינפלעיטן, אויפבלאזן און טרייבן אריין איבריגע 164 יאר, צוליב א דראנג וואס יאגט זיי.

אין דעם גרויסן געווירבל מיט דאטומען, קעניגרייכן, דאפלטע קעניגן, ווערן פארזען א גרויסער עיקר, וואס ווערט ממש פארזען פון אלע אנאלאטיקער, חוקרים, פארשער און היסטאריקער.

בנין בית המקדש הראשון, חורבן בית המקדש הראשון וזמן עמידתה.

לויט חז"ל איז עס געבויעט געווארן אין ב' תתקכ"ח, 2928, 832- לפה"ס.

לויט די היסטאריקער רוקן זיי עס ארויף צו ב' תת"י, 2810, 950- לפה"ס.

חורבן בית המקדש הראשון, ווערט לויט די וועלטליכע היסטאריקער גאר ארויפגערוקט פון אונזער ג' של"ח, ביז ג' קע"ד, מיט 164 יאר צוריקציוועגס. און עס קלאפט א ציפער פון בלויז 364 יאר וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, אנשטאט 410 ווי חז"ל באהויפטן.

אין קאנטראסט צום צווייטן בית המקדש, וועלכע ווערן נישט גענעריג דאקומענטירט אין תנ"ך, זענען די יארן פון ערשטן בית המקדש פול געקאווערט מדאשקע לדאשקע. אלע מלכי יהודה וישראל, ווי לאנג יעדער קעניג האט רעגירט איז אלעס דאקומענטירט, אזוי אז מ'קען פון די 410 יאר גארנישט אראפנעמען קיין איין טאג.

פארקערט גאר, דער אברבנאל שרייט אז לויטן חשבון איז דער ערשטער בית המקדש געשטאנען 425 יאר, און טרעפט עפעס נישט דעם חשבון אויף 15 יאר. וועלכע ווערט אבער פארענטפערט מיט אמציה'ס יארן וועלכע ווערן איינגעשלונגען אין די יארן פון זיין זון עוזיה / עזריה (רש"י מלכים-ב: יד כב).

נניח אז מ'האלט יעצט אז די היסטאריקער האבן פשוט ארויפגעריקט נבוכדנצר'ן און זיינע חיילות, אריינגעריקט פרס'ישע קעניגן און אריינגעשמאלצן א נישקשה'דיגע 164 יאר צום קאלענדער. זיי האבן אבער גלייכצייטיג אויך ארויפרויקט דעם בנין בית המקדש הראשון מיט 118 יאר. דאס טייטש אז מ'דארף אראפציפן פון די שופטים און די מלוכה פון שאול און דוד 118 יאר - כדי צו לאזן שלמה'ן בויען גאטס הויז אין ב' תת"י דארף מען קאטן גרויסע שטיקער צייט פון די פריערדיגע, און שינדן די הויט פון א גענויע דעאטלירטע כראנאלאגיע וואס מיר האבן אין שופטים במשך די 440 יאר פון יהושע איז אריבער דעם ירדן ביז בנין בית המקדש הראשון לשיטת חז"ל.

לשיטת חז"ל
ב' תפ"ח איז מען אריבער דעם ירדן.
ב' תתקכ"ח האט מען געבויט דעם בית המקדש הראשון.

דער געדוכטער נעפל פירט אונז צו א מסקנא: אדער חז"ל האבן במכוון אויסגעשניטן 164 יאר, צוליב דער נביאה פון דניאל, אדער צוליב אריינקוועטשן ב' אלפים ימות המשיח. אדער אן אנדערע טעאריע איז פאראן, איז די נוצרים האבן געפאטשקעט מיט די יארן, אז עס זאל שטימען מיט די 490 נביאה פון דניאל אויפן געבורט פון יעזוס, און דערפאר האבן זיי במשך די 2 אלפים יאר גערוקט בערג, קעניגן און גענעראציעס אז עס זאל בעסער שטימען.

[פארקירצט]

דערווייל האלטן מיר ביים שוועל פון אנרירן דעם אלף.

**כרם זית** • 8טן מערץ 2023

זייער שיין. עס איז אבער דא א חילוק צווישן אגדתא וואס איז מלכתחלה געשריבן געווארן פאעטיש, צו קעניגן און יארן וואס די גמרא לייגט אראפ אלס א פאקט.

אזוי אויך איז עס נישט אינגאנצן דומה צו דברים טבעיים הנזכרים בגמרא וואס איז ס''ה טעאריעס אדער עקספערעמענטן, אבער די קעניגן און יארן וואס די גמרא דערציילט זענען לכאורה א מסורה דור אחר דור, ענדערש ווי א טעאריע.

[פארקירצט]

**סקעפּטיקער** • 9טן מערץ 2023

„אבער די קעניגן און יארן וואס די גמרא דערציילט זענען לכאורה א מסורה דור אחר דור.“

די פּרס'ישע תקופה האבן חז"ל נישט געשריבן מיט א מסורה, והא ראי' אז זיי האבן טאקע נישט געוואוסט דעם אמת. נאר עס איז געבויט אויף דעם פּירוש הפּסוקים אין דניאל, ווי חיים מיליקובסקי שמועסט עס הערליך אויס אין זיין ביאור אויף סדר עולם.

[פּארקירצט]

---

איבערלעבונגען

# דער בליענדער עלטער

„דריידל“ טיילט איין דאס לעבן אין צענדליגער יארן – פון די בעיבי־יארן ביז איבער אכציג – און פרעגט ווען עס איז טאקע דער בליענדער עלטער. די ליינער ענטפערן, יעדער אויף זיין אופן.

פון **דריידל און אנדערע**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „דער בליענדער עלטער“ • 20סטן–21סטן יאנואר 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8157.html

---

**דריידל** • 20סטן יאנואר 2015

מ'הערט ליידער אסאך טראגעדיעס ווי יונגע מענטשן ווערן אוועקגעריסן. דער סדר איז אז ווען מ'באשרייבט די בר מינן ווערט געווענדליך ארויסגעברענגט די פאקט אז יענער איז אוועק אין בליענדן עלטער פון כך וכך.

כ'האב מיך לעצטענס מתבונן געווען אז די לעבנסטעג (קרעדיט: מיין כיתה ב' רבי, פרשת חיי שרה) פון א מענטש קען ווערן איינגעטיילט ווי פאלגענד:

0-5 דאס זענען די בעיבישע יאר ווען מ'ווערט געווענדליך באדינט אויף א גאלדענעם טאץ און מ'באקומט אסאך עטענשאן.

6-12, די קינדערישע יארן ווען מ'האט שוין אביסל דאגות און די קינדערישע חן וועפּט צעביסלעך אויס. מ'פאלגט שוין נישט די עלטערן מיט אזא תמימות האלטענדיג אז מ'פארשטייט בעסער. אויך איז שוין דא קאמפעטישן צווישן די געשוויסטער און חברים וואס פירט אויך צומאל צו רייבערייען. מ'איז אבער פארט א קינד און מ'בעט זיך שנעל איבער.

13-20 די ימי הבחרות (די גאלדענע יארן לויט געוויסע מגידי שיעורים). אפּיציעל הייסט עס אז דאס זענען די גליקליכסטע יארן זייענדיג און א מצב ווי מ'האט שוין אביסל אינדעפּענדענס און פון דער אנדערער זייט איז נישטא קיין דאגות הפּרנסה. דער אמת איז אבער אז א בחור איז די גרעסטע רחמנות ווייל ער לעבט נעבך אין אזא צמישעניש נישט וויסענדיג וואס יא און וואס נישט, ווי איין און ווי אויס. דא איז מען צעלאזט, די נעקסטע טאג פאלט מען אריין אין א מרה שחורה. מ'לעבט מיט א מורה'דיגע פרעשור אין פחד פון איין זייט און מיט א ברענעדיגע יצר הרע פון דער אנדערער זייט. שוין אפגערעדט ווען מ'קומט אין די יארן פון שידוכים און מ'פאנגט אן צו עקטן אומנאטירליך צו מאכן א גוטע אנשטעל.

20-30 דא ווערן שוין די דאגות ערנסטער. עפּי"ר הייבט מען אן צו פירן אן אייגענע ווערקשאפט וואס ברענגט מיט זיך מיט פארשידענע שוועריקייטן. אז די באשעפער העלפט אבער און מ'האט גוט חתונה געהאט קען מען אויסשטייגן און די יארן הן ברוחניות והן בגשמיות. די קינדער זענען נאך

קליין, זיי זענען פאלגזאם און פרעגן נישט צופיל און אויך די הוצאות זענען דורכטרעגליך.

40-30 ביי רוב מענטשן איז דאס פון די שווערסטע יארן. אנגעהויבן פון דעם מצב הפרנסה, חינוך הבנים, שלום בית וכו'. בפרט ביי די וואס האבן נישט א געסעטלטע זשאב ביי די דרייסיג, איז זייער שווער זיך צו האלטן פריש און גוט מוטיג. דא באקומט מען א מעסעדו פון דעם מוסד אז דאס קינד טויג נישט, דא קען מען נישט טרעפן אן ערב פאר א הלואה. דא מיטשעט די גרויסע מיידל אז די אלטע שיך איז צו יאנטשי, דא בלאזט די ווייב פארוואס מ'האט נישט אהיימגעריפן אינמיטן טאג וכו' וכו'

50-40 אט דערזעט מען זיך אין שידוכים און מ'ווערט געוואר וואס די גאס האלט וועגן מיך. מ'איז נערוועז, אנגעצויגן, ברוגז און מלא טענות. דאס וואס מ'האט זיך אייגערעדט אז מ'איז שוין א טאטע און כ'על טון וואס מיר געפעלט, פאטשט איצט צוריק און פנים וועו מ'הערט צוריק וואס דער און יענער האט געזאגט. געלט איז אויך קיינמאל נישטא געגוג האבענדיג א שטוב מיט קינדער און נאכדערצי אז מ'דארף זיך אהערשטעלן בעל בתיש ס'זאל נישט שאטן פאר שידוכים.

60-50 זאכן הויבן זיך אן צו סעטלען, מ'ווייסט שוין מער וויינוגער ווער מ'איז און וואס צו זיכן. דאס לעבן ווערט אביסול גרינגער, מ'איז שוין נישט אזוי פארנומען מיט קליינע קינדער א.א.וו.

70-60 מ'האט שוין ב"ה חתונה געמאכט די קינדער און מ'הייבט שוין אן צו גיין אויף שמחות פון די אייניקלעך ווי מ'קומט אן קיין דאגות. מ'איז שוין אביסול אויסגעוואקסן קינדעריש תאוות. דא הייבט זיך אבער אן די דאגות הבריאות. מ'האט הויכע בלוט דרוק, צופיל ציקער, הויכע קאלעסטראל וכו'. מ'טאר נישט דעיס און מ'מעג נישט יענטס. דאס זענען אבער יארן וואס מ'קען גוט אויסניצן האבענדיג רעלעטיוולי ווייניג דאגות.

80-70 מ'ווערט אלט. ווי א יאר עס גייט פארביי שפירט מען אז דער גוף גרייט זיך צו רעטייערן. מ'ארבעט שוין וויניגער און מ'רירט זיך שטייטער. צעביסלעך הייבט מען אן צו פארלירן חברים. די וואס זענען גליקליך קענען נאך פירן אן אייגענעם ווערקשאפט אבער צעביסלעך ווערט מען מער און מער אנגעוויזן אויף טובות פון די קינדער.

+80 עפי"ר איז דאס שווערע יארן ווי מ'מיטשעט זיך אנצוגיין מיטן לעבן. אין ביהמ"ד שפירט מען זיך ווי חוני המעגל נישט האבענדיג מיט וועם צו פארטוישן א ווארט. און דאס איז שוין פאר דעם וואס איז געזינט. רוב מענטשן ליידן אבער פיזיש אדער גייסטיש ווען מ'קומט אין די יארן.

אלזא טייערער ליינער, אויב ווילסטי נעמען מיין עדוויס כאפ ארויין אין דעם מצב ווי דו געפינסט דיך און טראכט נישט אז דו וועסטיך מיטשענען יעצט און ענזשויען אין די שפעטערע יארן.

הכלל, וויל איך וויסן וואס דער עולם האלט. ווען איז דאס די "בליענדן עלטער", ווען זענען די גאלדענע יארן און בכלל ווען איז די בעסטע תקופה אין די לייף סייקעל?

**רויטע וואנצעס** • 20סטן יאנואר 2015

40-50 איז אויך גאר שווער צוליב וואס חוץ חתונה מאכן, האט מען נאך קליינע קינדער אינדערהיים מיט ווילדע טינעיזשערס, פלאס אלטע עלטערן וואס דארפן אסאך צייט און הילף.

**דולה ומשקה** • 21סטן יאנואר 2015

געדענק טאקע ווען דו וועסט ווערן העכער 70, ווען דו שפאצירסט זיך רואיג אויף דער גאס, גיי אביסעל אינדערוויט, דו שפאצירסט צו שטאט פאר מיינע נערוון, ולא עוד ס'איז זייער שווער לפעמים דיר היפער צו היפן וויל דער סיידדוואק איז צו שמאל.

**לית דין בר נש** • 21סטן יאנואר 2015

דריידל: איין זאך קען איך דיר זאגן איך בין שוין ב"ה דורך געגאנגען די אלע סטעידזשע"ס, "לייי"ף איז א פלעזשער" און ווען מען גייט איז אין דעם בליענדן עלטער

**דריידל** • 21סטן יאנואר 2015

אז דו ביסט שוין איבער די אכציג און דו שרייבסט אויף ק"ש מוז דיין לייף טאקע זיין א פלעזשור

**געוואלדיג** • 21סטן יאנואר 2015

אבעיא להו האי בר נש דאמר דלית ליה דין בר נש, לא נתהוי מעולם להיות בר נש, א"ד הוי בר נש ונשתנה ללית דין בר נש, וכ"ת הוי בר נש ונשתנה ללית דין בר נש, אבעיא להו מתי נפיל מדרגיה והאיך? תיקו

קולטור • צייטונגען

# א צייטונג פֿון הונדערט יאָר צוריק

„ליטוואַק פֿון בודאַפּעסט“ בלעטערט אין אַלטע אידישע און העברעאישע צייטונגען אויף אַן אינטערנעט־אַרכיוו, און די לייענער דערציילן וואָס זיי האָבן געטראָפֿן – פֿון מגיפֿות ביז מודעות פֿון עגונות.

פֿון **ליטוואַק פֿון בודאַפּעסט און אַנדערע**

קאַווע שטיבל • ספֿרים און ביכער • „וואָס איך האָב געלייענט אין א צייטונג פֿון הונדערט יאָר צוריק“ • 28סטן אַפּריל – 4טן מאַי 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13772.html

**ליטוואַק פֿון בודאַפּעסט** • 28סטן אַפּריל 2020

איך האָב זיך אַנגעהויבן דרייען אין די סײַט פֿון דער תּל אָבֿיב אוניווערסיטיה, ווי זיי האָבן אַלטע צייטונגען אויף אידיש און עבֿרית. עס איז דאָרט העכסט אינטערעסאַנט צו לייענען, און ווען מ'ווייסט וויאַזוי צו זוכן, קען מען טרעפֿן גאָר אינטערעסאַנטע זאַכן.

צוערשט האָב איך געזוכט די ווערטער 'חולי רע', צו טרעפֿן נייעס וועגן מגיפֿות. אין תּרנ"ד האָט פּאַסירט אַ מגיפֿה אין פּוילן, און די חבֿרה דאָרט האָבן פֿאַרשפּרייט שמועות אַז מענטשן ווערן גע'הרג'ט אין שפּיטעלער כּדי אָפּצושטעלן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער מחלה. פֿאַרשטייט זיך אַז די צייטונגען פֿאַרדאַמען די מוציאי דבה. וואָס צו גלויבן? ווייס איך נישט.

איך האָב אַרײַנגעלייגט די ווערטער 'חזון איש' און געזוכט פֿון אָנהייב די יאָר הונדערט ביז צו אַ חודש איידער זײַן פּטירה. דער פֿאַרווערטס באַשרײַבט בן גוריון'ס וויזיט צום 90' יעריגע' חזון איש. ער איז געווען ערך זיבעציג יאָר אַלט דעמאָלס. דער מעריב האָט אַ מאַמר צו ערקלערן זייער ציבור ווער איז דאָס דער חזון איש, מיט אַ מופֿת פֿון אַן עצה אין ביזנעס וואָס איז געלונגען.

איך האַלט נאָך אינמיטן לייענען דאָרט, אָבער גייט'ס אַליינס אַריבער jpress,nli.org.il

**וואולקאַן ערעפּציע** • 29סטן אַפּריל 2020

את חטאי אני מזכיר... כ'האָב אין מײַן פֿרײַע צײַט שוין דורכגעלייענט אַ ים מיט אַלטע המגיד'ס, הצפֿירה'ס, און המליץ'ן.
אוי איז אַמאָל געווען אַ זיס וועלט. כ'מיין אַ זיס-ביטערע וועלט.

די מערסטע האָבן מיר באַנומען די 'אַדווערטייזמענטס' וואָס מ'האָט אַרײַנגעשטעלט פֿאַר עגונות וואָס זוכן זייערע מענער. זיי שילדערן גענוי וויאַזוי דער אַנטלאָפֿענער / טמיר ונעלמ'ניק / פֿאַרלוירענער האָט אויסגעקוקט, יעדע פּימפּל אָדער קנייטש זיינער שטייט אַרויסגעשריבן, היות בילדער זענען נאָך נישט געווען געהעריג מצוי.
ס'נישט געווען איינס אַ יאָר, נאָר שווערע צענדליגע אַ יאָר!

**אישתישבי** • 29סטן אַפּריל 2020

„אין תּרנ"ד האָט פּאַסירט אַ מגיפֿה אין פּוילן [...]“

יישר כּח.

עס וואָלט געווען אַ נחת רוח ווען דו ברענגסט אָפּאַר אויסצוגן פֿון די אַלטע צייטונגען פֿין די מגיפֿה מיט די שפּיטעלער. איך גלייב עס וואָלט געגאַנגען ווײַרל.

**ליטוואַק פֿון בודאַפּעסט** • 4טן מאַי 2020

איך האָב פּונקט זיך אַנגעשטויסן אין דער צייטונג מיט דעם נאָמען 'דער לץ', מיט אָריגינעלע וויצן פֿון שנת תּרס"ח.

[פֿאַרקירצט]

הומאר

# א בריוו צום זייגערל — און זיין תשובה

סוף דעצעמבער 2012 האט „זאלצוואסער“ געשריבן א ליד צו זיין זייגערל, וואס יאגט אים פון אינדערפרי ביז ביינאכט. פיר טעג שפעטער איז אנגעקומען די תשובה.

פון **זאלצוואסער**

זאלצוואסער • זאלצוואסער • „א שמועס מיט מיין זייגער • און דאס האט מיין זייגערל געענטפערט“ • 28סטן דעצעמבער 2012 – 1טן יאנואר 2013
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/185.html

**א בריוו צו מיין זייגערל • זאלצוואסער • 28סטן דעצעמבער 2012**

זייגערל טייערע: איך טראכט פון דיר אסאך
אמאל שטעלסטו מיך צופרידן, און צומאל מאכסטו מיך שוואך

איך וויל דיר נישט איינטיילן אנצונעמען וועלכן מיטל
נישט קיין חילוק צי דו ביסט אנאלאג צו דידזשיטל

ווען דו ביסט אויף מיין זייט ביזטו מיר די גרעסטע ישועה
און ווען דו ארבעטסט קעגן מיר ביזטו מיר אן אומדערהערטע מניעה.

אט הער וואס מיין פראבלעם מיט דיר קען זיין
און דו וועסט מיך שוין אליינס גוט פארשטיין

ווען איך שטיי אויף צופרי ביזטו די ערשטער אויף מיין זייט
איך קוק אויף דיר ערשט אפילו אויב איך בין אוועק געדרייט

פון טיעפן שלאף ביזטו דער ערשטער וועם איך זוך
און וויפיל מאל איז דא ווען איך האב חרטה אז איך זע דיך

וויפיל קליינע און גרויסע מחלוקה'לעך אין הייזער
ווען מ'זעט דעם קליינעם און גרויסן ווייזער

איך פארשטיי אז דו כאפסט נישט די טיעפקייט פון דיין גבורה
און פארוואס מיר קענען נישט פשוט דיך צוריקדרייען, מיט אונזער בחירה

דו וואלסט זיכער נישט געהאט קיין פראבלעם ווען מיר טוען דיך צוריקדרייען
און דיר מסביר צו זיין פארוואס מיר טוען עס נישט וויל איך אפילו נישט טרייען

איך דאוון און לערן אלעס אויפן חשבון פון דיינע אנווייזונגען
און לויט דיינע שיקאנען, צו כאפן זמן קר"ש דארף מיר אלס געלונגען

זייגערל זייגערל, ווען האבן מיר זיך משדך געווען און וואס האב איך מיט דיר?

וואס גייט דיך אן אז איך שלאף אביסל לענגער ווי דעם שיעור?

וואס וואלט געווען ווען דו רוסט דיך אפ פאר א מינוט צוויי פון לויפן
דו וואלטסט דאך עוה"ב זיך געטון קויפן

איך מוז דיר טאקע מודה זיין אז אמאל ביזטו מיר איינגענעם
ווען איך וויל שוין דעם שיעור ביינאכט ענדיגן לייזטו דעם פראבלעם

ווען מיין מגיד שיעור פארציט זיך עקסטערע פינעף מינוט
זיצט יעדער ביים שיעור און קוקט אויף דיר גוט

דער עולם מאכט זיכער אז דער מגי"ש באמערקט דיך
און דאן פארשטייט ער אז צו זיין ווייזערל באציט מען זיך.

אבער וואלט ווען נישט געווען א פלאן צו ארבעטן צוזאמען
און אזוי וועלן מיר האבן א שותפות אין אונזערע ראמען

אזוי וועט דער געשעפט ארבעטן צווישן אונז
ביינאכט ווען יעדער שלאפט וועסטו אויך זיך אפרוען, פאר ביידע א געווינס

נישט געזארגט איך וועל דיר די שעה אפגעבן מיט ריוח אסאך
ווען מ'וועט האלטן ביים לערנען וועל איך דיך לאזן יאגן איז מיין אפמאך

זייגערל זייגערל לייג צו א דרייצנטע שעה צו דיין טאג טעגליכן
עס איז דא זאכן וואס צו ענדיגן וועט דאס אונז ערמעגליכן

און אן עקסטערע שעה צוויי טו פארשאפן
פאר ביינאכט עקסטער צום שלאפן

וואס גייט דיך אן אז דער טאג און נאכט וועט זיין 27 שעה
האבן מיר דיר דען אמאל געטון עפעס א רעה?

זיי מיר געזונט מיין טייערער זייגער
איך האב טאקע פרובירט צו מאכן פון א קטיגור א סניגור

אבער איך האב אויף דיר יעצט געכאפט א בליק סתם פאר נייגער
און ס'זעט מיר אויס אז פונקט ווי דיין שטייגער
האסטו ווייטער זיך געיאגט ווי א צולייגער
דעריבער מוז איך יעצט בלייבן א שווייגער
און דיך נאכלויפן ווי א צעהיצטער טייגער

לויף לויף דו קומסט אלס צום זעלבן צוריק
איך קען שוין דיין אלטן טריק

איך וועל מיט דיר נישט טענה'ן ווייל דו גיסט מיר ניטעמאל א בליק
זיי מיר געזונט און איך וועל פרובירן אז "לא ניגע לריק"
און אנפילן די צייט, און אנכאפן זיך אין דעם שטריק
וואס גיט זיך יעדע סעקונדע א ריק

לויף ווייטער טו דיר דיינס
און איך וועל פרובירן ווייטער טון מיינס

זיי מיר און בלייב מיר געזונט זייגערל

**דאס זייגערל ענטפערט • זאלצוואסער • 1טן יאנואר 2013**

די תשובה פון מיין זייגערל וועלכער איז געוויינליך "אין צייט" אזוי ווי אלע זיינע קאלעגן האט נישט פארשפעטיגט צו קומען, און איך קען דאך אייך נישט האלטן נייגעריג, איך האב דאך אייך געוויזן דעם ערשטן בריוו וואס איך האב אים געשיקט, אלזא איז נישט מער ווי יושר צו מיטטיילן, וואס ער האט געענטפערט וירא הקהל וישפוט.

נאך איין נקודה פאר איך וועל איבערדרוקן ווארט ביי ווארט פון מיין זייגערל'ס בריוו, איך בין בשו"א נישט מסכים צו אלעם וואס ער זאגט, און ח"ו אויב איר שפירט זיך באטראפן פון אים, זייט וויסן אז סך הכל רעדט זיך דא פון א 8 דאללערדיגן זייגערל וואס עס איז נישט ווערט ער זאל אייך קענען באטראפעצן.... אבער איך אליינס האב אויך געדארפט א התבודדות נאכן לייענען זיין תשובה:

דער זייגערל:

לכבוד מיין טייערן הארר ר' זאלץ וואסער ירום הודו

אחדשה"ט באה"ר, איך האב ערהאלטן דיין בריוו, מיט דיינע זייער שטארקע טענות, פארוואס מיר קענען נישט האבן קיין צוזאם ארבעט, און פארוואס איך גיב נישט אראפ אביסל מער צייט פאר דיר און דיינע קאלעגע מענטשן, און דיינע טענות זענען אין געוויסע חלקים פול מיט אויפברויז, און צומאל פאנגט אן אויסצוזען ווי איר רעדט פון לאגיק.

לאמיך אייך אלזא פארציילן א מעשה'לע וואס האט פאסירט ביי אונז זייגער'ס נישט לאנג צוריק און אזוי ארום וועט איר שוין זען אז מיר זענען נישט סתם אזוי אן איגנארירענדע פאלק, מיר טוען וואס מיר דארפן.

עטליכע יאר צוריק איז געווען א זייגער קאנווענשאן ווייט אין די מרחקים ווי די זון גייט אונטער יעדן טאג, און מ'האט איבערגעשמועסט ענינים העומדים על הפרק. דער קאנווענשאן איז צושטאנד געקומען וויבאלד איינער פון די גאר באריםטע טייערע זייגער'ס איז געווארן צוריקגענומען פון זיין בעה"ב צוליב א געקראכטן טשעק, און ער האט אונטערגעהערט אז דאס אלעס איז א רעזולטאט פון "שווערע צייטן" האבן מיר זייגערלעך זיך דערשראקן וואס שווערע צייטן מיינט, און געמוזט זיך צוזאם נעמען אויף א כינוס כללי צו זען וויאזוי זיך צו באפאסן מיט שווערע צייטן, און צי דאס וועט אויך אפעקטירן די צייט לענג אדער ברייט ווי אונז זענען מיר דאך הויפט מחותנים.

איך וועל אייך נישט פארדרייען דעם קאפ מיט די תהלוכי הקאנווענשאן וואס דאס איז אייך נישט נוגע און עס איז שטארק קלאציפירטע אינפארמאציע, אבער איינע פון די ענינים וואס מ'האט איבערגעארבעט איז געווען אן אנקעטע צווישן די זייגער'ס פון פארשידענע עקן פון דער וועלט איבער דעם ענין צו מ'זאל אביסל נאכלאזן פון די פלייסיגקייטן און געבן פאר דעם מענטשעלע אביסל מער צייט צו שלאפן וכו' (אזוי ווי איר האט דאס פארגעלייגט. כמעט... זיי האבן געערדט פון א קלענערן טויש)

האבן זיך צוזאם געזעצט די ראשי הזייגער'ס פון אלע מקומות מושבותיהם און יעדער האט געזאגט זיין מיינונג.

די שאלה: זאלן מיר טאקע זיך אביסל אפרוען און געבן מער צייט פאר אונזערע הארן די מענטשהייט, און אזוי ארום זיי לאזן פארדינען אביסל מער צייט?

לאנדאנער זייגער: טייערע פריינט איך בין דער זייגער פון לאנדאן, און איך קען נישט רעדן פאר אייך וואס טוט זיך

דארט אבער ביי מיר אויב קען איך א טובה טון פאר מיינע אויבערהארן דארף איך ווען אראפנעמען אפאר שעה פון טאג, עס זעט נישט אויס ווי די פראבלעם איז מיט צו וויניג צייט...

ארץ ישראל'דיגער זייגער: מיינע טייערע באליבטע זייגערלעך, ביי אונז אין ארץ ישראל בין איך בכלל נישט קיין גרויסער משא ומתן, און איך מיין אויב וועט איר פרעגן מיינע אויבערהארן איבער דעם ענין, וועלן זיי בכלל נישט וויסן פון וועם איר רעדט, איר וועט מוזן ווייזן א זייגערל און מסביר זיין וויאזוי עס ארבעט...

ניו יארקער זייגער: מיינע טייערע קאלעגן איך האב נישט צופיל צייט דא מאריך צו זיין ווייל ביי אונז אין ניו יארק איז אלס א יאגעניש, אבער לשיטתי אפילו אויב איך זאל צולייגן 100 שעה א טאג וועלן מיינע אויבערהארן מענעדזשן זיך צו דארפן יאגן, און עס וועט גארנישט אויסמאכן אויב מ'וועט טוישן סדרי העולם. זייט מיר געזונט איך דארף כאפן א פליגער....

און אזוי האבן אלע זייגערלעך זיך אויסגעדרוקט אויף זייערע אויבערהארן, און צום סוף איז איינשטימיג אנגענומען געווארן אז דער זייגער וויאזוי ער איז זאל ער בלייבן, ווייל אין א חלק פון דער וועלט איז דער זייגער בכלל נישט קיין אינטעגראלער חלק פון דעם לעבן, און דארט ווי יא זעט נישט אויס אז דאס רוקן אדער פאררוקן דעם זייגער זאל גרינגער מאכן דאס לעבן. ואם כן למה זה אנכי... מ'איז געבליבן ביים אלטן.

טייערער ר' זאלץ, פארוואס דערציילן איך דיר די גאנצע געשיכטע, ווייל איך וויל צוקומען צו דער טענה וואס דו האסט צו מיר געהאט.

מיין טייערער! יא איך זע דיך יעדן טאג, און איך אבזערוויר דיך יעדע נאכט, איך קען זיצן 8 שעה אין א ציה אויסגעדרייט און נאר זען ווי דו שלאפסט, און שלאפסט. און ווען מיין תפקיד איז דיך צו דערוועקן, זע איך ווי נאך אפאר מינוט שרייען דרייסטו דיך אויס און דו דרוקסט מיין סנוז קנעפל, ווי איינער זאגט "דריי נישט קיין קאפ" אבער אז דו הייסט פאנג איך אן טומלען נאכאמאל נאך אפאר מינוט... און עוד'ך דו דרייסט דיך ארום און דאס מאל שוין מיט א רציחה'דיגן קלאפ האקסטו אויף מיין סנוז'ל... און אזוי גייט דאס אן ביז דו באשלוסט, אז דו ווילסט שוין יא אויפשטיין.

פרעג איך דיך.... בין איך דען מעלה ומוריד? וואס מאכסטו א ברייטל פון מיין זיך דרייען מיט תמימות א גאנצן צייט, דו האסט דאך אלע ברירות און דו נוצט דאך די ברירות לויט דיינע געפילן...

פלוצלינג זע איך דיך פון דעם אנדערן זייגערל וואס דו טראגסט מיט דיר, און איך זע ווי דו לויפסט פארסאפעט דו מווט כאפן א מקוה, כאפן א באס, און עס איז שפעט, זייער שפעט.... (געדענקסט נאך דו האסט געהאקט דעם סנוז'ל? נעקסט טיים טראכט פאר דו טוסט דאס)

דו לויפסט אין מקוה און דו קוקסט אגאנצן צייט שטרענג אויף מיין קאלעגע וואנט זייגער אין מקוה, און דו פרעגסט נאך איימיצן צי דער זייגער ארבעט גוט? חוצפה! וואס עפעס זאל ער נישט גוט ארבעטן? ער קען עפעס דרוקן דעם סנוזל? ער איז עפעס בעה"ב? ער טוט וואס מ'הייסט!

דו לויפסט ארויס פון מקוה דו קוקסט ווייטער אויף מיר און אט באמערקסטו פון דערווייטנס דיין בעסטן פריינד ר' משולם און דו פארגייסט דיך אין א שמועס איבער איינעם וואס איז יעצט די נייעס פון דער שטאט, און דו באשמועסט דעם ענין מיט אלע קליפערליך, און פלוצלינג.... דו דערמאנסט דיך פון מיר און דו לויפסט ווייטער ווי א פארסמ'טער מייזל...

פרעג איך דיך טייערער. אויב וואלט איך צוגעלייגט 3 שעה צום טאג וואלטסטו דען יא געוואוסט וויאזוי עס צו נוצן? וואלטסטו אפשר געשמועסט לענגער? געדרוקט סנוז'ל מערערע מאל? געפעניעט און געפלוידערט מער? ווער ווייסט? איך ווייס! איך זע דאך וואס דו טוסט ווען עס איז דא נאר 24 שעה אין טאג.

ווען דו קומסט אהיים און דו זעצט דיך אראפ אויפן קאוטש און דו פארברענגסט די צייט מיט שטותים און נארישקייטן, איז דאס עפעס וואס איז א פראבלעם מיט מיין קורצע טערמיניגע צייט אדער איז דער פראבלעם אז וויפיל עס איז יא דא שטופסטו אפ בידים?

און ביי דער ארבעט! זיצטו אויף אייוועלט, און דו פארברענגסט טייערע צייט, און נאכדעם כאפסטו דיך ביים קאפ אז דו האסט נאכנישט געענדיגט דיין אויפגאבע און דער בעה"ב גייט שרייען באלד...

אלנספאלס! יא איך וויל מיט דיר מיטארבעטן אויף להבא אבער מעג איך דיך בעטן א טובה?

אפשר אויפן הוה קענט איר ארבייטן מיט מיר אביסל?? איך מיין עס איז אסאך מער טוהבאר!!!

יישר כח פארן לייענען מיינע שורות און איך האף אז איר וועט מיך נישט אוועק ווארפן פאר כעס. וואס קען איך דען טון איך האב נישט קיין ייצר הרע וואס שטופט מיר צו זאגן ליגנט, מילא קען איך אייך נאר זאגן דעם אמת אין פנים אריין.

פון אייער עבד לעבדי ד'

דער זייגערל

* * *

ווען איך האב דעם בריוו באקומען האב איך עס שנעל צוגעמאכט און אוועקגעלייגט, איך האב נישט געוואלט מיין אשת חיל זאל עס זען, ווייל פאר איר פרוביר איך יא צו מאכן א רושם ווי איך נוץ אויס די צייט, אבער איך האב געקלערט אז עס איז נישט מער ווי יושר איך צו מיטטיילן דעם תירוץ וויבאלד איך האב מיט אייך מיטגעטיילט די קושי'.

נ.ב. שיקט נישט קיין בריוון פאר אייערע זייגער'ס עס וועט אייך נאר ווייטון! לערנט אייך אויף מיינע מיסטעיק'ס...

היסטאריע

# הײנט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 28סטן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? די באליבטסטע שרייבער אויף הײדפארק, און א חקירה ווער עס איז א חכם.

23
יאר צוריק
2003

## ווער זענען אייערע פעיווארייט שרייבערס?

**מישמאש, chabibi** • הײדפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 28סטן דעצעמבער 2003

מיינע פעיווארייט שרייבערס אויף הײדפארק זענען:

1. דזשובוי - וועלכער איז אונזער אייגענער פאפעראצי. ער שטעלט צו קנאקעדיגע בילדער און ברענגט אלעמאל אינטערעסאנטע איידיעס וואס האלטן געשפאנט דעם עולם.

2. קוטשמא - וועלכער איז לעצטנס ליידער מער נישט אזוי אקטיוו. האפנטליך וועט ער זיך צוריק נעמען צו דער מלאכה אינעם נייעם פארום.

3. חביבי - וועלכער שטעלט צו די אינטערעסאנטע לינקס און נייעס'ן פאר אונזער פארום (כאטש איך האב נישט ליב זיינע אייגענע אנאליזן, וועלכע זענען אלעמאל זייער קאנטראווערשעל).

אלזא, ווער זענען ענקערע פעיווארייט שרייבערס?

chabibi האט געענטפערט:

מישמאש, יישר"כ פאר מיך דערמאנען לטובה, איך ציטער נאר וואס דאס מיינט. בלית ברירה מוזן מיר אלע מודה זיין אז דער "מישמאש" איז דער נאומבער 1 שרייבער וואס טוט אויפלעבן דעם פורום.

מיט זיין שארפן צינגעל און גרעניצלאזער חוצפה טוט ער צומאלן חבירים וואס וואגן זיך אויסצודרוקן אנדערשט ווי אים. ער דערלאנגט זעצעס אויף אלע זייטן רעכטס און לינקס אפילו די מנהלים שרעקן זיך פון אים.

ער איז דא דער שווארצער בער וואס פארציקט אלעמען, און אלע אנטלויפן פון אים.

אבער אן אים איז קיין עקשאן נישט דא.

https://hydepark.sites.tab.bot/t/742333.html

12
יאר צוריק
2014

## איזהו חכם?

**לעיקוואד** • קאַווע שטיבל • העמק דבר • 28סטן דעצעמבער 2014

(אינספּירירט דורך קאך_לעפל'ס אשכול, נתעוררתי חוקר צו זיין אויף דעם דאזיגן נושא)
לאמיר לייגן א הנחה, וואס דאכציך רוב וועלן מודה זיין, אז חכמה איז בעסער פון טיפשות, און עס איז בעסער צו זיין קלוג ווי צו זיין א נאר, און א חכם איז א זאך וואס מען איז משבח און מעריך, ווידער א טיפש איז מען מזלזל און דוחה. בקיצור די הנחה איז אז די מידת החכמה איז א מידה משובחת וטובה, און א חכם איז אן אדם משובח וטוב.
שטעלט זיך אבער די שאלה, ווער איז א חכם און ווער איז א טיפש? וואס איז דאס טאקע דער זאך צו וואס מען דארף שטרעבן ווען מזאגט אז קלוגשאפט איז א ריכטיגע מטרה?

איז א חכם איינער וואס ווייסט די ריכטיגע חכמה? דהיינו איינער וואס ער ווייסט דעם אמת? און ווידער א נאר וועט זיין איינער וואס ווייסט נישט די ריכטיגע חכמה, וואס ער גלייבט אין זאכן וואס זענען נישט? לויט דעם צד קומט אויס אז אפילו דער גרעסטער חכם אדער סייענטיסט פון אמאל, וויבאלד היינט ווייסט מען אז אלע זאכן וואס ער האט געוואוסט זענען געווען שקר, קומט אויס ער איז בכלל געווען א טיפש. עס איז דא א שטיקל גאנג וואס מען טראכט אזוי, אבער למעשה מיין איך עס איז גאנץ קלאר אז עס איז נישט אזוי און איז רחוק מן השכל אזוי צו קלערן, און מען קלערט אז א חכם וואס האט געהאט א פאלשער טעאריע בלייבט א חכם און מען איז עם ווייטער מעריך אלץ א חכם, נישט ער ווערט א נאר די רגע וואס זיין טעאריע ווערט אפגעפרעגט. אדרבה עס הערט זיך מאדנע צו זאגן אז דער פסק אויב איינער איז א חכם איז תלוי ועומד ווילאנג די חכמה וואס ער האט עוסק געווארן איז מוכח אויף אמת אדער נישט.

[פארקירצט]

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8024.html

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואן

אויף „זאלצוואסער"'ס פעליעטאן מיט דער תשובה פון זיין זייגערל (זעט „הומאר") האט א ליינער מיטן ניק baldaas געשריבן:

> וואס זאלעך דיך זאגן, דיין זייגער האט א בעסערע שפראך ווי דיר. כ'מיין זאלסט איהם געבן אלע דיינע ארטיקלען איבערצוארבעטן (אויסער אפשר גראמען, ווייל דאס קען ער אפשר נישט).

**baldaas** • זאלצוואסער • 1טן יאנואר 2013

https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/191.html

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע שטיקלעך וועגן צייט: א צוגעלייגטע שעה, א סוף פון דער וועלט וואס איז נישט געקומען, און א בלאגער וואס האט נישט קיין צייט.

## וואס האט איר געטון מיט דער צוגעלייגטער שעה?

**קאפקעיק:**

אזויוי מ'האט נעכטן געררוקט דעם זייגער, וויל איך וויסן וואס דער עולם האט געטון מיט דער צוגעלייגטער שעה.
איך בין געפארן דעמאלס פון מאנסי קיין בארא פארק, אזוי האט דער וועג נאר גענומען 5 מינוט, איך בין ארויס געפארן איינס אזייגער און אנגעקומען פינף נאך איינס.

**בשבילי!:**

ביזט געפארן אויף וויפיל MPH?

**קאפקעיק:**

Avg. 60 אויפן אלטן זייגער

**שמעקעדיג:**

איך האב געמאכט א ליסטע פון אלע זאכן וואס איך קען פארדינען אין דער שעה, זיך אראפגעזעצט מיט מיין אשת חיל מאכן פרא'ס און קאנ'ס פון יעדע, און געגעבן "פוינטס" וועלכע איז מער וויכטיגער, און איידער וואס-ווען איז שוין די שעה אדורך געלאפן, יצא ונכנס בשלום. פראבלעם סאלווד.

**לית דין בר נש:**

איך בין דורך געשלאפן די גאנצע שעה

**דריידל:**

איך בין ארומגעגאנגען אין הויז רוקן אלע זייגערס

**קאפקעיק:**

יעצט פארשטיי איך פארוואס מ'רוקט דעם זייגער, מ'זאל האבן צייט צו רוקן דעם זייגער...

קאווע שטיבל • „וואס האט איר געטוהן מיט די צוגעלייגטע שעה?“ • 2טן נאוועמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7496.html

## די וועלט ענדיקט זיך!

**לעיקוואד:**

און אויב וועט עס נישט געלונגען די נבואות?
איז נישט עק וועלט..

**ביבער:**

אין אנדערע נייעס, היינט גייט זיין 12:12:12 12/12/12 דאס גייט זיין סלעצטע מאל פאר אונז אלע (אפילו פאר די וואס לעבן איבער די ענד) וואס אלע נאמבערס זאלן זיין די זעלבע!

**זר זהב:**

סעוועדוש האט היינט געזאגט אויף זיין שוי אז ער האט באקומען א טעלעגראם.. פון אויסטראליע (וואו ס'שוין געווען מארגן) אז די וועלט אינישט חרוב געווארן

**יידל:**

דאס מאל איז די וועלט טאקע נישט חרוב געווארן, אבער אין איין-ביז-צוויי ביליאן יאר אדער פינף-ביז-זיבן ביליאן יאר (געוואנדן לויט וואס חרוב מיינט) וועט די וועלט טאקע חרוב ווערן.

**יאיר:**

זייט נאכנישט אזוי פרייליך, אן ארכעאלאג זאגט אז צוליב די צומישטע און סתירות'דיגע מאיא קאלענדארן איז מעגליך אז דער אמת'ער ענד פון דער וועלט איז מארגן, זונטאג. קאנספיראציע גלויביגע, אפילו חרב חדה וכו' אל תתייאש.

קאווע שטיבל • „די וועלט ענדיקט זיך!“ • 12טן–22סטן דעצעמבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2506.html

## איך האב נישט קיין צייט

**בטלנות:**

קוים וואס איך עס לאנטש. זייטס מיר מויחעל איך האב אפילי ניש געקענט ליינען די קאמענטס אבער איך וועל נאך שרייבן ווען איך וועל האבן צייט.

**אן אנאנימער לייענער:**

בטלנות דו עסט לאנטש 6:30 אינדערפרי?

**בטלנות:**

און דו מיינסט אז איך בין שוין אויף 6:30?
מ'קען טשענדשען די צייט און איך ווייס ניש פארוואס סשרייבט אלעמאל א פאר שעה פריער

ערשטע בלאגס • „בטלנות“ • 13טן–15טן סעפטעמבער 2004
https://ershteblogs.sites.tab.bot/batlunus/2004/09/4.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „דער דמיון אין צייט“ · **לולקע-ציבעך**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „דער דמיון אין צייט“ · 25סטן יולי 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4358.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „אין וועלכער עפאכע וואלט איר געוואלט לעבן?“ · **מנחם ציון, רביה"ק זי"ע, ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „אין וועלכע עפאכע וואלט איר געוואלט לעבן?“ · 8טן סעפטעמבער 2020 – 8טן אפריל 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14177.html |
| **וויסנשאפט • פיזיק** | „רעלאטיוויטי: די אפעקט אויף „זמן““ · **ונבנתה העיר**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „די א"ב פון רעלאטיוויטי – 19 · The Elegant Universe“טן מערץ – 21סטן מאי 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2865.html |
| **היסטאריע • כראנאלאגיע** | „זמן חורבן בתי מקדשים: די 164 יאר“ · **זוכער, קאך_לעפל, נעגעל וואסער און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „זמן חורבן בתי מקדשים – עפ"י חז"ל – ולפי חוקרי זמנינו“ · 30סטן יאנואר 2019 – 9טן מערץ 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12920.html |
| **איבערלעבונגען** | „דער בליענדער עלטער“ · **דריידל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · גזועלשאפט · אשכול „דער בליענדער עלטער“ · 20סטן–21סטן יאנואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8157.html |
| **קולטור • צייטונגען** | „א צייטונג פון הונדערט יאר צוריק“ · **ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · ספרים און ביכער · אשכול „וואס איך האב געליינט אין א צייטונג פון הונדערט יאר צוריק“ · 28סטן אפריל – 4טן מאי 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13772.html |
| **הומאר** | „א בריוו צום זייגערל – און זיין תשובה“ · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · זאלצוואסער · אשכול „א שמועס מיט מיין זייגער · און דאס האט מיין זייגערל געענטפערט“ · 28סטן דעצעמבער 2012 – 1טן יאנואר 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/185.html |
| **היינט מיט 23 יאר צוריק** | „ווער זענען אייערע פעיווארייט שרייבערס?“ · **מישמאש, chabibi** · היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 28סטן דעצעמבער 2003<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/742333.html |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „איזהו חכם?“ · **לעיקוואד** · קאווע שטיבל · העמק דבר · 28סטן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8024.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וואס האט איר געטון מיט דער צוגעלייגטער שעה?“ · **קאפקעיק / בשבילי! / שמעקעדיג / לית דין בר נש / דריידל** · קאווע שטיבל · „וואס האט איר געטוהן מיט די צוגעלייגטע שעה?“ · 2טן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7496.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „די וועלט ענדיקט זיך!“ · **לעיקוואד / ביבער / זר זהב / יידל / יאיר** · קאווע שטיבל · „די וועלט ענדיקט זיך!“ · 12טן–22סטן דעצעמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2506.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „איך האב נישט קיין צייט“ · **בטלנות / אן אנאנימער לייענער** · ערשטע בלאגס · „בטלנות“ · 13טן–15טן סעפטעמבער 2004<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/batlunus/2004/09/4.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **baldaas** · זאלצוואסער · 1טן יאנואר 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/191.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 31סטן דעצעמבער – נומער 21, אויף פרשת שמות; מאנטאג, דעם 4טן יאנואר – נומער 22

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.